ארבעטער רינג — יידישע קינדער הילפס קאמיטעט
(צו רעהאַבילוטירן יידישע קינדער אין אויסלאַנד)
סירקל הויז, עלי סטריט, איסט
Day: ROYAL 3791 Evenings: ROYAL 6780

# א קאנצערט

פון יידישן ווארט
דאנערשטיק 8 אפריל 1948 7 אונט אין פריענדס-הויז
FRIENDS HOUSE, EUSTON ROAD, N.W.1
מיט דער באַקאנטער ארטיסטין

## ניוסיא גאלד

אין א ספעציעל צוגעגרייטן נייעם פּראָגראַם
אויך דער יידיש־דערנדיקער פילם

## „מיר קומען אן"

וואָס שילדערט דאָס לעבן פון קינדער בשעת דער נאַצי אָקופּאַציע
און נאָך דער באַפרייאונג.
קומט אין מאסן ברענגט די בילעטן

## „פאלק און ליטעראטור"

פון לעא קעניג
ארויסגעגעבן דורכן **ארבעטער רינג** בילדונגס קאמיטעט
מיר וויבען שטאָלץ צו אַנאָנסירן דאָס ארויסגעבן פון אונזער ערשטן יידישן בוך
פון באַקאַנטן יידישן שרייבער, עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער
**לעא קעניג**
„פאלק און ליטעראטור" (ערשטער טייל)
„יידן און די מאדערנע קונסט" (צווייטער טייל)
(א קריטישער אַנאַליז פון יידישער ליטעראטור און קונסט אין אונזער צייט)
פיין געבונדן, געדרוקט אויף קונסטפּאַפּיר, 148 זייטן, אילוסטרירט
פרייז: 10/6. לוקסוס אויסגאַבע לעדער געבונדן: 21/-
צו באַקומען פון אַלע יידישע בוכהענדלער
אָדער שיקט אייער אָרדער מיט געלט אָדער טשעק דירעקט צום סעקרעטאַר:
Workers' Circle, Dept. K., Circle House, 22 Alie Street, E.1



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*




# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור
ניינטער יאָרגאַנג אפּריל 1948 לאָנדאָן **נומער 4** (העפט 99)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| 1. כי מעולם ועד העולם אתה אל. 2. שפוך חמתך על הגויים 3. צום אָנדענק פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד — ** | 1 |
| דעם קרבן איז מען קיינמאָל נישט מוחל — לעאָ קעניג .. | 4 |
| איך וויים נישט (ליד) — ש. זאלקין .. .. .. | 8 |
| פרילינג (סקיצע) — ראלוקא בירמאַן .. .. .. | 9 |
| בליענדיקער גינסטער (ליד) — — — א. נ. שטענצל .. | 11 |
| סודות פון חדר (לעגענדעס) — משה עובד .. .. | 14 |
| דער ראָב פון ערגאר אללאן פאָע — (יידיש פון יעקב שמואל טויבש) .. | 20 |
| „קאַמעראַדן סאָלדאַטן" אָדער די רעוואָלוציע פון די בניאקעס (עסיי) — אליהו פּאַלושאק .. .. .. | 23 |
| געוויין פון בענקשאַפט, טרערן (לידער) — י. ראָגעל .. | 26 |
| חרם־קללה מוז קומען אויף דייטשלאַנד און דייטשן בלוט פון קדושים איז מקטרג — דוב ווארשאַווסקי. | 29 |
| אין גאַליציע כ'בין געבוירן (ליד) — יוסף הלל לעווי .. | 36 |
| פאר דער טיר וואָס האַלט ביים צופאַלן (לעאָ קעניג אַלס שרייבער און מענטש) — נ. מ. סידאָ | 39 |
| די יונגע העברעאישע דיכטונג אויפן שיידוועג (עסיי) — יעקב פערנבאך .. .. .. | 44 |
| אימבער און התקוה (עסיי) — יוסף פרענקל .. .. | 49 |
| „א דור פון בראשית" (רעצענזיע) — י. ביעטש .. .. | 56 |
| נומער 99 — ש. .. .. .. .. .. | 58 |
| יובל פייערונג צום 70 געבוירן טאָג פון ש. ל. קרעדיטאָר, די קינדער פון בעלגיע .. .. .. | 60 |
| וועגן דעם אלוועלטלעכן קולטור קאָנגרעס .. .. .. | 61 |
| חסידישער פאָלקלאָר — יחזקאל ערלעכמאַן .. .. | 63 |
| קולטור ידיעות פון דאָ .. .. .. .. .. | 63 |
| מיטטיילונג איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס .. .. | 64 |



פרייז 1 שילינג

אבאָנענטס־פרייז: —13/6 פאר א יאָר;
אין אויסלאַנד: —3 דאָלאַר א יאָר
1/3 פאר א פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א. 1.

## פריינט פון יידיש לשון

חשוב'ער פריינט!

דער הונדערטסטער (100) חודש־זשורנאל „לשון און לעבן" וועט דערשיינען אין מאי 1948. דאס איז א גרויס געשעעניש אין דעם אזוי קולטור־ארימען יידישן ישוב פון ענגלאנד.

כדי דאס צו האבן דערגרייכט זיינען נויטיק געווען גרויסע מאטעריעלע קרבנות און אנשטרענגונג מצד דעם רעדאקטאר און א קליינער גרופע פון „פריינט פון יידיש לשון".

מיר דערווארטן פון דער יידישער געזעלשאפט דא אין ענגלאנד און מחוץ לארץ ארויסצווייזן זייער אנערקענונג פאר אונדזער גרויסער דער־גרייכונג.

שיקט צו אייערע באגריסונגען צום „לשון און לעבן" אין צייט.

מיט דרך ארץ און פריינטלעכע גרוסן,


י. ביעטש
א. פאלושאק


שיקט צו אייער פרייוויליקע ביישטייערונג לטובת דעם קולטור־פאנד פון „לשון און לעבן" צום סעקרעטאר:


E. Paluszak, 64 Lauriston Road, London, E.9



### לשון און לעבן

א גרויסע פייערונג צום דערשיינען פונם

— — 100־טן **נומער** — —

**זונטאג דעם 2־טן מאי 2.30 נאכמיטאג**

אינם ליטערארישן טייל וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטאציעס

די באוואוסטע אקטיארן

— — **קרעלמאן** און **אוריעל** — —

בילעטן פון 1/6 ביז 7/6


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יארגאנג | אפריל 1948 לאנדאן | **נומער 4** (העפט 99)


## כי מעולם ועד העולם אתה אל

ארום ירושלים טומלט די שלאכט — —
עס יאגן די פעלקער אן מיט ווילדן געאייל,
נישט פאר קריסטוס און קבר זיין הייליקן,
נישט פאר אלא און מחמד זיין נביא —
עס פלאקערט דער קאמף ארום די קוואלן פון אייל!

און מיר, מיט הערצער און מיט פויסטן געבייל,
מיטן לעצטן בלוט־טראפן געהייליקטן:
כי מעולם ועד העולם אתה אל — — —

ארום ירושלים טומלט די שלאכט — —
און אויפן שארף פונם שווערט — אויף מעטער און אייל,
יעדער טראט געמאסטן מיט לעבן און לייב;
יעטווידער אפאסטל־און קאראן פסוק,
איז דער בלוטיקער שלאכט־רוף פון הערשן און טייל.

און מיר מיט הערצער און מיט פויסטן געבייל,
מיט לעצטן בלוט־טראפן געהייליקטן:
כי מעולם ועד עולם אתה אל — — —

ארום ירושלים טומלט די שלאכט — —
דער מדבר איז פול שוין מיט שאקאלן געהייל;
פון זיין פעלז־נעסט דער רויב־פויגל, דער אדלער,
דערשמעקט שוין די פגרים פון זיין העכסטער הויך,
ווי די היענע פונקט אין איר פינסטערער הייל.

און מיר מיט הערצער און מיט פויסטן געבייל,
מיטן לעצטן בלוט־טראפן געהייליקטן:
כי מעולם ועד העולם אתה אל — — —

ארום ירושלים טומלט די שלאכט — — —
יעטווידער אטאם איז ציל נעצווינגענער פייל!
אלע פעלקער פארפלאכטענע אין קאמף,
צעפלאקערטער קנויט געצויגענע דורך אייל־קוואל....
אויפצופלאמען א צעפאלענער פייער־זייל — — — — — — — —

און מיר, מיט הערצער און מיט פויסטן געבייל,
מיטן לעצטן בלוט־טראפן געהייליקטן:
כי מעולם ועד העולם אתה אל — — — — — — —

## שפוך חמתך על הגויים

(פאר מיין ברודערס איניקל שלמה'לע שטענצל אין ירושלים)
א מתנה לכבוד פסח

דאס ציקעלע געשאכטן און דער שוחט דערצו.
וואו איז גאט דעם מלאך־המות ר'זאל קוילען, וואו?
יעטווידעם ביישטידל איבער ירושלים
איז מיט בלוט באשמירט: שפוך חמתך על הגויים.

אונטער יעטווידן דאך באוויינט א מאמע א קינד,
און די שכינה ווי ווארקנדיק זי קלאגט דאס אצינד,
אז אזויפיל חורבות אין דיר ירושלים,
און פון יעטווידער: שפוך חמתך על הגויים.

איז צו שטארק געוועזן די פרייד אונזערע פאר גאט,
און כביכול חלילה מורא געהאט האט,
איבער דער שטאט זיינע, איבער ירושלים,
פארגעסן נאך דעם: שפוך חמתך על הגויים?

ווער קאן נאך אויפהויבן אן אראפגעלאזטן קאפ,
אז שנאה, אז בושה בויגן פארשעמט אים אראפ — — —
די פולע לבנה איבער ירושלים
הענגט א בלוט־בילבול: שפוך המתך על חגויים.

אונזער האפערדיקע פרייד די צעשטראלטע, א גאט,
דער גלויבן אצינד, דער פארבלוטיקטער, און אנשטאט
דעם לעצטן לשנה הבאה בירושלים,
נאר אויסצושרייען: שפוך חמתך על הגויים — — — — — — — —

אז דורך אלע טירן ס'קומט אליהו צוגיין
און פון יעטווידן פנים ער ווישט אפ דאס געוויין
וועט ער דאך דורך די טויערן פון ירושלים
אודאי קומען — שפוך חמתך על הגויים —



דאס ציקעלע געשאכטן און דער שוחט דערצו,
ווען נישט דער מלאך המות — געקוילעט ווערסט דו,
גאט, איבער די טויערן פון ירושלים
דיין בלוט געשמירט ווערט: שפוך חמתך על הגויים.

## צום אנדענק פונם ווארשעווער־געטא־אויפשטאנד

„מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן"
(שיר השירים)

א, דער עמוד־הענן אזוי גרוים —
ווארטן מיר איצט אויפן עמוד־האש —
איז דאך געבליבן נאך די צוועלף מיליאן,
אונזער נאך נישט דערברענטע בלוט און פלייש.

נישט פון הימל אראפ דער פייער־זייל,
פונקט ווי דער וואלקן־רויך נישט פון דער ערד, —
פון לעבנס און לייבער קומען ביידע,
ווען פון דער וועלט א וויסטער מדבר ווערט.

ארויסצופירן פון פארבלאנזשעניש,
גייען זיי ביידע אויפן וועג פאראויס — —
וואסער וויסטעניש, וואסער פלאנטערניש.—
אז דער עמוד־הענן אזוי גרויס.

און וואסער עמוד־האש ס'מוז דאס זיין,
פארבלאנדזשעטע וועלט דעם וועג זאל דערזען — —
יא, מיר זיינען אויסגעווייילטע צו דעם,
ווי פארן רויך־זייל מיר זיינען ס'געווען.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א, אז מיר וועלן לאזן צעבלאזן
פון די זעקס מיליאן דעם רויכיקן זייל,
וועלן אויך אין ווינט ווערן צעפלאשעט
די צוועלף נאר געבליבענע אויף א ווייל —

גאנצענע וועלט פארקומען וועט דעמאלט
אינם מדבר, אינם וויסטן מיש־מאש,
און אלץ וואס איבערבלייבן ס'וועט פון אונז,
טליענדיקע פונקן אונטערן אש — — — —

## לעאָ קעניג

# דעם קרבן איז מען קיינמאָל נישט מוחל...

די „נירעמבערגער פּראָצעסן“ האָבן שוין אינגאַנצן, ווייזט אויס, פאַרלוירן זייער „נייעס ווערט“. הגם, זיי גייען נאָך אָן, און פון צייט צו צייט דערוויסן מיר זיך, אַז נאָך אַ פּאָר נאַצי „פירערלעך“ זיינען באַשטראָפט געוואָרן פאַר זייערע „פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט“. אָבער די גרויסע פרייע, דעמאָקראַטישע פּרעסע אינטערעסירט זיך שוין ניט מיט די משפּטים. און דער אַלגעמיינער איינדרוק איז דוכט מיר, אַז די נירעמבערגער פּראָצעסן האָבן זיך שוין לאַנג צוריק געענדיקט... אַזוי פיל מוטנע פּאָליטישע וואַסערן זיינען פאַר דער קורצער צייט פון זינט די פּראָצעסן האָבן זיך אָנגעפאַנגען איבערגעפלאָסן. און די וואַסערן ווערן אַלץ מוטנער, זומפּיקער און געפערליכער....

געדענקט איר וואָס ס'האָט זיך געטון אין די ערשטע פּאָר חדשים פון די נירעמבערגער פּראָצעסן: פּרעס־פאָטאָגראַפן, שרייבער, פּאָעטן, פּסיכאָלאָגן, קאַרטוניסטן און קאָרעספּאָנדעטן פון דער גאַנצער באַפרייטער וועלט זיינען געווען דאָרט און פון אַלע ווינקלען און „שטאַנדפּונקטן“ פאַר אונז באַשריבן און באַמאָלט דאָס „בייזע וואונדער“... איר געדענקט ווי אַלע אונזערע צייטונגען און פילמען זיינען געווען פול מיט די בילדער פון די געריננס, ריבענטראָפּס, שטרייכערס און אַלע אַנדערע „פירער“ וואָס האָבן אויף אונז אָנגעשיקט אַ צווייטע וועלט מלחמה, אָרגאַניזירט מאַסן־מאָרדן, טויט־פאַבריקן, גאַז־קאַמערן און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער....

איר געדענקט ווי מיר האָבן געקוקט אויף די צורות פון די פעלקער מערדער און זיך געוואונדערט: ווי אַזוי האָבן אַזעלכע מאַניאַקעס און פערדראַסטן געקענט ווערן די פירער פון אַ גרויס קולטורעל פאָלק? ווי אַזוי האָבן פאָרשטייער פון גרויסע מאָדערנע מלוכות זיי גאָר געקענט אָנערקענען און מיט זיי פאַרהאַנדלען? און קוקנדיק אויף זייערע „קלאָז אַפּס“ האָבן מיר זיך ניט איינמאָל געפרעגט ווי אַזוי קענען מענטשן גאָר זיין אַזוי אידיאָטיש פאַרברעכעריש, און צוליב זייערע משוגענע אַמביציעס די וועלט דערטרינקען אין בלוט און חורבות און זייער אייגן פאָלק דערפירן צו מאָראַלישער און פיזישער זעלבסט־פאַרניכטונג....

איר געדענקט די ערשטע פּאָר חדשים פון די נירעמבערגער פּראָצעסן? דאָס געוויסן פון דער באַפרייטער וועלט, האָבן מיר געגלויבט, רעדט דאָרט. דאָס געוויסן פון דער וועלט האָט דאָרט גערעדט... די פון די פירער פון דעם פאַרברעכעריש, און צוליב זייערע משוגענע אַמביציעס די וועלט דערטרינקען צו פחדנותדיק צו באַגיין זעלבסט־מאָרד, זיינען שוין לאַנג טויט... און די נירעמבערגער פּראָצעסן זיינען שוין באַלד אינגאַנצן פאַרגעסן. און עס גלויבט זיך שוין באַלד ניט, אַז דאָס געוויסן פון דער וועלט. פון די באַפרייטע



פעלקער האָט אַמאָל אויפגעלויכטן און געזוכט „אויסצורייניקן דאָס שלעכט צווישן אונז“.

---

אויב ס'איז דאָ נאָך אַ ערגערער גהינום ווי דער אין וועלכן מיר לעבן, און וואָס מענטשן אַליין מאַכן אים, און די געריננס און די שטרייכערס געפינען זיך אין דעם „אַנדערן“ גיהנום מוזן זיי איצט פול זיין מיט „מאָראַלישער עמפּערונג“ און פּראָטעסטן:

„פאַר וואָס האָט מען זיי צום טויט און גיהנום פאַרמשפּט? וואו איז יושר, די גערעכטיקייט און מענטשליכקייט אין וועמענס נאָמען די שופטים אין נירעמבערג האָבן זיי פאַראורטיילט“?

זיי, די היטלערס, געריננס און שטרייכערס זיינען געקומען צו דער מאַכט אַ דאַנק זייער „וויטש האַנטינג“ און... אַנטיסעמיטיזם... זיי האָבן אַזוי לאַנג געשריגן „היט זיך פאַר די קאָמוניסטן און די יידן“ ביז זיי האָבן געקראָגן די כוחות און די שטיצע צו מאַכן אַ וועלט מלחמה... זיי האָבן די וועלט מלחמה פאַרשפּילט און די זיגערישע פרייע פעלקער האָבן זיי געמשפּט און פאַרמשפּט אין נירעמבערג און ביי זיך אין דער היים. צווישן די אייגענע פעלקער, אין זייערע אייגענע שטעט לאָזן זיי איצט די „חסידים“, די שטיוולפּוצער פון די היטלערס, געריננס און שטרייכערס ארומגיין און זיך יאָגן נאָך „שדים“ און יידן... און פּראָקלאַמירן הויך „מיר מוזן ענדיקן היטלערס דזשאָב“....

איז דאָס יושרדיק און לאָגיש צו פאַרמשפּטן די „רביים“ צום טויט און לאָזן זייערע „תלמידים“ פאַרשפּרייטן די אייגענע לערעס און לאָזונגען, וועלכע מוזן פירן צו די זעלבע, און אפשר נאָך גרעסערע און אידיאָטישערע פאַרברעכנס?

די נאַציס און שטורם־טרופּערס וואָס זיינען נאָך געבליבן אין דייטשלאַנד — און ערגעץ אַנדערש — לאַכן איצט אין זייערע האַריקע פויסטן: זיי האָבן אונז מיליטעריש אויף די פראָנטן באַזיגט אָבער אונזער לערע, אונזער גייסט האָבן אַ סך פון אונזערע זיגער איבערגענומען... וויסנדיק, ניט וויסנדיק און וואָס איז נאָך ערגער „זיך מאַכנדיק ניט וויסנדיק“....

„הייל.... פרייהייט פון וואָרט“....

---

„ווען איר ווייסט וואָס פאַר אַ שרעקליכע זאַך אַ זיג איז“ — זאָל האָבן געזאָגט דער דיוק אָף וועלינגטאָן.

אָבער דאָס שרעקליכסטע אין אַ זיג איז ניט נור די גרויסע קאָסט אין לעבנס און געלד פון אַ זיג. נור אויך דאָס וואָס דער זיגער נעמט אָפּט איבער פונם באַזיגטן זיינע מעלות און חסרונות; אָפּטער, ווייזט אויס, די חסרונות.

דאָס מעכטיקע רוים האָט באַזיגט יודייאַ און האָט איבערגענומען פון דער קליינער באַזיגטער פּאַלעסטינע דאָס קריסטנטום; דאָס קריסטנטום האָט דערנאָך באַזיגט דאָס מעכטיקע רוים, און האָט איבערגענומען די כאַראַקטעריסטיקעס פונם רוימישן אימפּעריאַליזם און פּאַגאַניזם....

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געזיגט אַ דאַנק דעם וואָס זי איז באַזיגט געוואָרן דורך די רעאַקציאָנערע מעכטע וואָס האָבן זיך קעגן איר פאַראייניקט... דורך זיגן אַסימילירט מען אָפט די לערערס און אידייען פון די באַזיגטע. אַזוי אַז די באַזיגטע זיינען אפשר די זיגער. דאָס איז באַקאַנט פון דער געשיכטע.

זעען מיר איצט אויך אָט דעם פענאָמען ווי די דעמאָקראַטישע פעלקער האָבן באַזיגנדיק די נאַצי פאַשיסטישע מלוכות אויך פון זיי איבערגענומען די נאַציישע „שרים־יאַגענישן" און דעם גיפטיקן אַנטיסעמיטיזם, מיט וועלכן זיי זיינען שוין פריער געווען שטאַרק און געפערלעך אָנגעשטעקט....

---

ס׳איז לײַדער אַ פאַקט וואָס קען ניט אָפּגעלייקנט ווערן: דער אַנטי־סעמיטיזם און „ריישיאַליזם" איז אַסך שטאַרקער אין די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטיש זיגערישע לענדער. איצט אַ פּאָר יאָר נאָך דעם ווי די נאַצי־פאַשיסטישע לענדער זיינען באַזיגט געוואָרן, און נאָך די ניורעמבערגער פּראָצעסן, ווי אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, ווען דער נאַצי־פאַשיזם איז געווען אין זיין פולער שוואַרצער גבורה און דראָענדיקער מאַכט. האָט מען באַזיגט דעם נאַצי פאַשיזם כדי איבערצונעמען פון אים פאַר דעם אייגענעם געברויך זיינע מיאוסטע און געפערליכסטע גיפטן?

וואָס האָבן געלערנט די ניורעמבערגער פּראָצעסן? אַז די זעלבע סיבות רופן אַרויס די זעלבע עפעקטן און פאַלן און אַז סאָציאַלע שלעכטקייטן און פאַרברעכענס קענען נור אָפּגערייניקט ווערן אויף אָן אמת ווען די סיבות און אינטערעסן וועלכע רופן אַרויס און נוצן אויס די שלעכטקייטן ווערן באַזייטיקט.

פיל שווערער און העלדישער איז צו באַזיגן דאָס שלעכטע ביי זיך אין דער היים ווי ביים שכן און ביים קעגנער.

---

ס׳איז שוין אַ סך מאָל געזאָגט און באַוויזן געוואָרן אַז מלחמות — די נאַציאָנאַלסטע און נאַציאָנאַליסטישע אפילו — אַסימילירן אין סך הכל פעלקער מער ווי זיי איזאָלירן זיי: די גרויסע מאַסן־אַרמייען אינוואַזירן פרעמדע לענדער, קאָנטינענטן און שטעקן זיך אָפּט אָן מיט נייע זיטן, מאַניערן, מיט די בעסערע און ערגערע אַנשויאונגען און אידעאָלאָגיעס פון די באַזיגטע.

אַזוי זעען מיר ווי די פעלקער וואָס שלאָגן זיך יאָקבי אָפּצוהיטן זייער אייגענעם „וועג פון לעבן" פאַרלירן, פאַרשפּילן די מלחמות אפילו ווען זיי זיגן מיליטעריש, אויף די פראָנטן. אַזוי זעען מיר אַז אויך פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט (און ס׳רוב מלחמות ווערן געפירט פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן און שטאַנדפּונקטן) לוינען זיך שוין מלחמות נאָרנישט. ס׳איז שוין אפשר אַ שטיקל אמת געווען אין דער אַמאָליקער טענה פון די דייטשע מיליטאַריסטן אַז „מלחמות זיינען פּראָגרעסיוו" ווייל זיי פאַרשפּרייטן און אַסימילירן נייע אידייען און נעמען אַרויס די פעלקער פון זייער פרימיטיווער אָפּגעשלאָסנהייט און איזאָלאַציע. אָבער דאָס איז אפשר אמת געווען אַמאָל ווען מלחמות



זיינען ניט געווען אַזוי פאַרניכטענדיק, ווען די טעכנישע פאַרקער־מיטלען צווישן פעלקער האָבן כמעט ניט עקזיסטירט און נור דורך מלחמות האָבן פעלקער געקענט קומען אין קאָנטאַקט....

אָבער מלחמות אין אונזערע צייטן און מיט אונזערע כלי זיין איז אַבסאָלוטע און טאָטאַלע פאַרניכטונג. אַלע ווייסן עס. און דאָס רעדן איצט אפילו רעאַל פּאָליטיקער און אידעאַליסטן וואָס גלויבן אין אַ „קריסטליכער ציוויליזאַציע" פון אַזאַ מעגלעכקייט. וואָס פאַראַ פאַטאַלע, האָפענונגסלאָזע באַשעפענישן זיינען מענטשן.

---

מיר האָבן באַזיגט די נאַצי פאַשיסטישע לענדער און... אין די זיגערישע פרייע לענדער איז „וויטשהאַנטינג" און פרימיטיווער אַנטיסעמיטיזם אַסך שטאַרקער געוואָרן ווי פאַרן זיג און פאַר די ניורעמבערגער פּראָצעסן.

און נאָך אַ שוידערלעכער פּועל יוצא פון דער קריג:

דאָס ניט פאָפולערסטע פאָלק אַצינד איז דווקא דאָס יידישע פאָלק — דער ערשטער קרבן פון דעם נאַצי פאַשיזם. דאָס פאָלק וואָס האָט אַמיינסטן און אַמגעפערליכסטן געליטן פון דעם געמיינעם באַרבאַרישן שונא קעגן וועלכן אַלע פרייע פעלקער האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט און באַזיגט.

דאָס איז אַ פענאָמען פון גוואַלדיקן סאָציאַל פּסיכאָלאָגישן אינטערעס אפילו פאַר אונז וואָס מיר ליידן אַזוי דערפון:

דעם מערדער איז מען גיכער גרייט מוחל זיין ווי דעם קרבן: אַלע פעלקער זיינען איצט שטאַרק פאַרזאָרגט מיט דער פּראָבלעם דייטשלאַנד; אַסך ביטערע טרערן ווערן איצט פאַרגאָסן איבערן ביטערן גורל פונם פאַראַרימטן דייטשן פאָלק... און אפילו מאַנכע פון די געוויסע יידן וואָס זוכן זיך שטענדיק אויספיינען פאַר ניט יידן מיט זייער הומאַניזם און „עכטער קריסטליכקייט" קענען איצט נעבעך ניט שלאָפן אַזוי מוטשעט זיי איצט דער גורל פונם דייטשן פאָלק... ווי אַזוי צו שטעלן דייטשלאַנד צוריק אויף די פיס (און מאַנכע ווילן אויך צוריקשטעלן דייטשלאַנד אויף די אייזערנע יונקערישע פיס...) איז איצט די האַרבע פּראָבלעמע צוליב וועלכע די זיגערישע צדדים זיינען גרייט זיך צוהרגנען... מיט איין וואָרט „דייטשלאַנד איבער אַלעס". און דעם ערשטן און געפערליכסטן קרבן פון דער צווייטער וועלט מלחמה, אָן דעם קראַנק, שטערבליך פאַרוואונדעטן יידישן פאָלק פאַרגעסט מען איצט... דאָס הייסט מען פאַרגעסט שוין גאָרנישט אויך איצט מיאוס. אויפן שטייגער פון די באַזיגטע נאַצים. צו העצן קענען יידן... און נאָך ערגער: „יידן פאַרשפּרייטן ראַסן־האַס"....

שטאַטסלייט און פּאָליטיקער זאָרגן איצט אַזוי שטאַרק וועגן דער פּראָבלעמע ווי אַזוי צו שטעלן דייטשלאַנד אויף די פיס; מיר לייענען איצט אַזוי פיל אין דער דעמאָקראַטישער פרייער פּרעסע וועגן די איצטיקע ליידן און יסורים פונם דייטשן פאָלק, און וועגן די געהאַקטע צרות פונם קרבן, וועגן די טראַגישע, לעצטע אפשר אַנשטרענגונגען פון קראַנקן און אַלטן

ייִדישן פאָלק, וואָס האָט מער און שווערערליכער געליטן פון דער נאַציִשער קריג און פון זיינע לעצטע אפשר טראַגישע אָנשטרענגונגען זיך ביים לעבן ווי אַ פאָלק אויפהאַלטן און זיין פאַרוואַרלאָזטע פאַר הונדערטער יאָרן נאַציאָנאַלע היים צוריקבויען — רעדט מען גאָרנישט, און מען טוט נאָך אַלץ ביודעים ובלא יודעים די לעצטע אָנשטרענגונגען צו שטערן... בריקן אַ געפאַלענעם וואָס פּרובט זיך שטעלן אויף די פיס, נאָרמאַליזירן זיך — איז דאָס „קריקעט", זשענטלמענישקייט? וואָס פאַרא „וועג פון לעבן" איז עס?...

דעם פאַרברעכער זיינען מענטשן גיכער מוחל ווי זיין קרבן, ווייל אין דעם פאַרברעכן (און באַזונדער דער נאַצי־פאַשיסטישער פאַרברעכן קעגן ייִדישן פאָלק) זיינען אַלע מער וועניקער שולדיק. און דאָס אַזוי גערופענע מענטשליכע געוויסן איז אַזוי אַקראָבאַטיש און עלאַסטיש און פּרובט זיך ריין־וואַשן געפינענדיק חטאים אין דעם קרבן. און דער גרעסטער חטא פונם קרבן: ער איז צו שוואַך. און זיין שוואַכקייט פּראָוואָצירט זינד און פאַרפאָלגונגען און דער „פאַרברעכער איז שטאַרק און קען צונויז קומען... ווען מען דאַרף דעם גנב נעמט מען אים אַראָפּ פון דער תליה"....

קין וועט קיינמאָל ניט מוחל זיין זיין קרבן הבל. און ער וועט מיט אַלע דיאַלעקטישע קונצן פון זיין געוויסן וואָס מוטשעט אים, באַשולדיקן הבלס שוואַכקייט פאַר זיין פאַרברעכן, פאַר זיינע זינד.

נאָך מער: אפילו דער קרבן אַליין איז גיכער מוחל דעם פאַרברעכער ווי דער פאַרברעכער דעם קרבן. ווער האָט עס געזאָגט „זיי זיי מוחל ווייל זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען"....

און די תשובה פון זינד איז נייע זינד.

## ש. זאַלקין

### איך ווייס ניט

איך ווייס ניט וואָס זוך איך, וואָס וויל איך געפינען,
אַ מענטש ביי דער אַרבעט, מיט נאָדל און שער
און וואָס פאַר אַ חלום ס'קאָן זיך אויסשפּינען,
אַז שטענדיק נאָר זאָרגן און שטעכן וואָס מער.

איך ווייס ניט פון וואַנען עס קומען אָן קלאַנגען,
ווער צווינגט מיך צוהערן אַ ליד נאָך אַ ליד.
און נאָכדעם אין ברוסט זיך צעווינען געזאַנגען,
איך ווייס ניט ווער רייצט זיך אַזוי מיט אַ ייִד.

אַ, רייצט ניט און זינגט ניט פאַר מיר קיינע לידער,
לאָזט ציען דעם פאָדעם און שניידן די שער,
ווי טויזנטער אַנדערע אָרימע ברידער,
וואָס שטעכן די נאָדל אַריין מיט אַ טרער.





## פ ר י ל י נ ג

(סקיצע)

זי איז אַריינגעקומען אויף די שפּיץ פינגער, אַז זי זאָל אים נישט אויפוועקן.

— דער שלאָף וועט אים אָפּרוען אַביסל.

ס'האָט זיך געדאַכט אַז ער שלאָפט. כאָטש די אויגן זענען אים געווען אַביסל אויפגעעפנט.

נאָכדעם ווי זי האָט געקוקט אויף זיין אויסגעמאַטערט פּנים מיט די פאַרשטיינערטע ליידן דערויף, האָט זי זיך דערנענטערט אויף די שפּיצן פון די פינגער פאַוואָלינקע, פאַוואָלינקע, צום פענצטער און עס געעפנט מיט גרויסע פאָרזיכטיקייט, כדי זי זאָל נישט מאַכן קיין רעש.

די לופט איז אַריין אין צימער ווי אַ שפע פון געזונט, מיט באַלזאַם פון צעפּאַרעטער ערד, און שפּראָצונגען, און אַ וואַרים ווינטעלע אַ ביטערלעכעם מיט אַ טעם פון קנאָספּן.

אַ פייגעלע — וועלכעס איז אַוועקגעפלויגן איבערגעשראָקן בשעת זי האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער, האָט זיך צוריק אַרויסגעזעצט אויפן סאָסנעבוים פון דערנעבן, נישט איינגרוענדיק פון אַזוי פיל גוט געמיט האָט עס געשווישטשעט כסדר שפּרינגענדיק פלינק פון איין צווייג אויפן אַנדערן, אַז גלייך ווי ס'וואָלט נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליג פון די אַנדערע, וועלכע זיי האָבן אָנגעפילט דעם גאָרטן מיט שפע פון לעבן און זאַטקייט.

— זיי זאָלן אים נאָר נישט אויפוועקן — די כאַליאַסטרעס — האָט זי געטראַכט, און האָט זיך אומגעקערט צו אים.

ער האָט איר אָנגעקוקט. זיינע אויגן, — גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט: כ'ווייס אַלץ.

אַ בענקשאַפט האָט זיך פאַרשפּרייט אויף זיין פּנים מיט די פאַרשטיינערטע ליידן, רויק ווי די אייביקייט

זי האָט זיך דערנענטערט צו אים מיט געטרייקייט גלעטנדיק אים מיט די אויגן. דאָס גאַנצע וועזן איז איר געווען נאָר אַ פראַגע. זיינע מאַטעוויסגעלבלעכע ליפּן האָבן זיך אים שווער געעפנט און נאָך אַ צייט האָבן זיי געשעפּטשעט: שוועסטער. טאָוואַרישטשע.

— יאָ. יאָ — האָט זי אים געענטפערט שמייכלענדיק און צובויגנדיק זיך טריי דעם קאָפּ צום אַקסל. — יאָ. — האָט זי אים ווידערהאָלט. — פילנדיק ווי עס צוגייט איר דאָס האַרץ פון רחמנות.

— טאָוואַרישטשע. — זאָגט ער אויפסניי מיט אַ שעפּטשנדיק קול. — ווי שיין איז אין דרויסן.

— אוודאי — ענטפערט זי אים. — ס'איז שיין אין דרויסן. ס'איז גע־

קומען דער פרילינג און ס'איז שיין איבעראל. די גאנצע וועלט פרייט זיך. ווארן ס'איז שיין וועגן א יעדן. א יעדער איילט זיך און האט עפעס צוטאן. אלע זענען פריילעך. אין דער שטאט דער ראדיא פילט אן די לופט מיט גוטע בשורות און לידער. פון איבעראל קומען ידיעות פון זיגן פון דער רויטער ארמיי. און די מענטשן און זייער פרייד. גלייך ווי זיי האבן זיך פארברודערט. און גלייך ווי אלע זענען זיי גוט. איצט אינסטאלירט מען ביי אונז אויך ראדיא. מ'זאגט אז איבעראל וועט מען זינגען. און ס'איז אזא שיינער פרילינג. — האט זי אים אלץ געזאגט מיט התפעלות, ווילנדיק זי זאל אים איפמונטערן אביסל.

— יא, זאגט ער. — טאקע אביסל דערמונטערט. — ס'איז שיין. ס'איז געקומען דער פרילינג. דער אמתדיקער פרילינג. און דער אייביקער, אזוי ווי ס'איז אייביק דאס אומגערעכטיקייט פון אונזער בלוט — פארגיסן. — זאגט ער אביסל אנגעשטרענגט און מיט די אויגן ברייט פונאנדערגעעפנט.

זי האט אים גיך געלייגט די האנט אויפן שטערן, און זוכנדיק אים צו מאנען ער זאל בלייבן שטיל. שעפטשענדיק אים מיטן פינגער אויף די ליפן: ס־ס־ס־ס־. אזוי ווי א גוטמוטיקער באפעל.

— ניין! האט ער געגעבן א קרעכץ. ווען זי האט געמיינט אז זי האט אים איינגעשטילט.

— ניין. לאז מיך! — האט ער געגעבן א געשריי צו איר און האט איר אראפגעווארפן די האנט אין א זייט פון זיין קאלטן שטערן.

— איך שטארב אן איך זאל זיך אויך קענען פרייען ווי די אלע מענטשן, וועגן וועלכע דו האסט מיר דערציילט. איך שטארב אן איך זאל זי נאך זען. זי. און מיין קינד. דעם טאטנס זונדרעלע. — האט ער געגעבן א קרעכץ גלייך ווי וועגן זיך אליין, און האט זיך אביסל איינגעשטילט.

— דעם טאטנס עופעלע. — האט ער געגעבן אויפסניי א קרעכץ, אויסשטארטשנדיק די אויגן אין חלל.

— אניוטא! אניוטאנקא מאיא! מילאיא. דאראגאיא! יעדעס ווארט איז ביי אים געווען א טיפער קרעכץ.

— דו — ציט ער ווייטער. — דו ביסט אבאוואוסטזיניקע בירגערין. דו ווייסט אז אזוי האט באדארפט זיין. אז איך זאל שטארבן. אז מ'האט נישט געקענט אנדערש. אז איך זאל שטארבן, נאר כ'זאל ברענגען דאס גערעכטיקייט אויף דער וועלט. די ד־י־י־ט־ט־ש־ן! — האט ער געגעבן א געשריי איבער די כוחות. — אניוטא! ניין! ניין! לאזט זי! ניין. דערמארדערט איר נישט! אראפ די האנט פון איר האלז! ניין. גיב נישט מיטן פוס אין אים! א־א־א. — האסט אים צעשמעטערט דאס ברוסטעלע. א־א־א! אנטיאש־א־א־א!

דאס מאל האט ער זיך געגעבן א ווארף אין קורטשן זוכנדיק מיט די קרעמפירטע הענט אז ווי ער זאל וועלן עמיצן אנכאפן. און איז געפאלן אויף א זייט. כארכלענדיק געפערלעך עטלעכע מאל.



דערנאך האט זיך נארנישט געהערט נאר דאס שווישטשן פון די פייגעלעך, וועלכע האבן זיך ווייטער געשפילט אזוי ווי אן איראניע פון דער נישט מאנענדיקער נאטור.

ערשט דאמאלס, האט די שוועסטער זיך געכאפט וואס ס'איז געשען. זי האט אראפגענומען די צוזאמענגעשלאסענע הענט פונעם קאפ, און מיטן פנים נאך איבערגעשראקן האט זי זיך אריבערגעבויגן איבערן בעט. און האט אריבערגעצויגן דאס ליילעך איבער דעם געזיכט אין א געפערלעכער נסיסה.

דערנאך, איז זי ארויסגעגאנגען פון דעם זאלכל מיט דעם פענצטער פול מיט פרילינג. זי איז אדורכגעגאנגען א קארידאר. זי איז ווידער אריין אין א זאל, און דערנאך אין א אנדערן זאל, און נאך אין א זאל. אלע פול מיט בלאסע פנימער. אייניקע שטילע מיט א ווארטנדיקן אויסדרוק. אנדערע — קרעכצנדיק און בעטנדיק זיך מ'זאל זיי איבער דרייען אויף דער אנדערער זייט, און אנדערע — מיטן הארץ צופרידן קוקנדיק שטיל אין דער שווארצער אייביקייט און אויפהויבנדיק א האנט אדער א פוס און צייכנדיק מיט זיי אלערליי אראבעסקן, און קייענדיק אין אומבאוואוסטקייט א בימן וועלכע א שוועסטער האט זיי פון צייט צו צייט אריינגעלייגט אין מויל אריין. אנדערע — שאטנס פון בייזע העלדן קוקנדיק צו דער סטעליע וועלכע זיי האבן זיך זי פארגעשטעלט פאר א שונא, מיט רויטע אויגן און קריצנדיק מיט די ציין, האבן זיי געדראט פאכנדיק מיט די פויסטן.

און די שוועסטער איז געגאנגען און אלץ געגאנגען פארויס. זי האט געעפנט א טיר, און איז אריינגעגאנגען.

זי האט געעפנט א רעגיסטער, וועלכן א אנדערע שוועסטער האט נאר וואס פארמאכט. און זי האט געזען דעם לעצטן ציפער—201. זי האט געשריבן פון אונטן אין ארדענונג ווי ביז אהער—202.

זי האט צוריק פארמאכט דעם רעגיסטער, און איז ארויסגעגאנגען, צוגייענדיק צו א ארט, וואו זי וואלט זיך אפוואשן דאס פנים מיט א ביסל קאלט וואסער. אז זי זאל זיך דערפרישן די כוחות, אום צוגיין אויפסניי דערפילן אירע פליכטן.

## א. נ. שטענצל

## בליענדיקער גינסטער

I

א זשוקל וואקלט פון זיין לאך ארויס
און רייבט זיך מיט די פיסלעך אום די אויגן:
עס איז ארויסגעקראכן צוקוקן,
צי די שוואלבן זיינען שוין אנגעפלויגן.

ווי עס בלענדן דאָס אים די אייגעלעך,
אַז גאַנצן ווינטער אין לאָך אין דער פינסטער;
און ווי עס דערוואַרעמט זיין דין גופל,
פונם זון־אונטערגיי אַ שטראַל אַ דינסטער.

איז עס דען דאָס זשוקל, איך בין עס דאָך,
ווי מיינע בלענדיקע אויגן נעצן:
אַלץ אַרום ווערט אַזוי פיטשעדיק קליין,
ווען גרויס געוואָרענע זון נעמט זיך זעצן.

נאָר איבערן מוראשקע בערגעלע,
אַ פאַרשטויבטער ווי ער איז בליט דער גינסטער.
יעדן אין זיין לאָך צוריק, וואַקלדיק,
באַלייכט ער דאָס סטעזשקעלע אין דער פינסטער.

המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו ואומר מה נאה
אילן זה מעלה עליו הכתוב כאלו מתחיב בנפשו (פרק)

II

און איז עס דער לעצטער פרילינג מיינער,
מוז איך אים מיט מער פרייד נאָך גיין אַנטקעגן;
איז דען נישט יעדעס יאָר אַזוי געווען,
און אויפגעקנאָפּעט כ׳האָב מיט אַלע צווייגן —

הוידענדיק שוין צווישן לעבן און טויט,
מיט אַלע פייגל מיך פריידיק צעזונגען;
אַן אויסגענאַגטער פאַרמאַרעטער וואָרצל
און זון ער נעמט זיינן מיט טויזנט צונגען —

מיט יעדן מינדסטן בלעטל און בליטל,
אויפגעבראָכענעם קנאָספּל צעוויקלטן;
מיט פאַרגאַפטן פייגעלע אויף צווייגל,
פול שטוינען אין אייגעלע צעשיקלטן —

אַזוי מיטן בלוי פון מיינע אַפּלען,
לויטערן הימל אין מיר איינגעזויגן;
מיט די קאָלירן פון מיינע בליקן,
נאַנצן אַרום מאַכן ווידער מיין אייגן.



III

„מה נאה אילן זה" ווי שיין דער בוים
אַזש מיינע אויגן פון פרייד זיך צעוויינען
שענער נאָך מוז זיין היי־יאָר מיין געזאַנג
ווייל פאַרוויקלטער מיינע ווערטער זיינען.

איך דענק דאָך איצט סיי ווי סיי נאָר פון מיר,
בין איך מפסיק מיט מיין טונקלן טראַכטן,
און די זון פאַרגייט נישט זען מער אַצינד,
געטובלט אין בלוט פון קוילן און שאַכטן.

פנים אל פנים שטיין בלייבן מיט יעדן בוים,
מיך דערפרייען מיט אים ווי מיט מיינס גלייכן,
און אויפגעציטערט אין מיינע בליקן —
אין פרילינגדיקע צעשפּיגלטע טייכן.

„מה נאה אילן זה", ווי שיין דער בוים,
און אַן יעדן וואָרט אַ פאַרגאַפטער שווייגן —
מיט די קאָלירן פון מיינע אויגן
גאַנצן אַרום מאַכן ווידער מיין אייגן.

IV

שטייט ער דער בוים זיינע אָרעמס צעשפּרייט,
און ס׳ווינקלען זיך פון אים די ויידן קנוילן;
קאָלירטסטע קווייטן שטיקן אַצינד אויס
געשיקטע הענט אונטער רעמל פאַרהוילן.

ווי עס פינקלען די נעדעלעך אין זון —
זיך איינפעדעמדיק אין דינסטע שטראַלן!
און איז נישט אין מיין האַרץ דער שטאָך אַצינד,
פון אַ נעדעלע וואָס אַראָפּגעפאַלן?

בין איך נישט אַליין אַזאַ פאַדים אַזאַ
דורך לעכל פון נעדל אַדורכגעצויגן?
ס׳וויקלט זיך דער הימל גרויס און זייד־
מיטן פעדעמל בלוי פון מיינע אויגן —

זיי הויבן זיך אויף פולע צו דער זון,
פון שטוינען און באַוואונדערן באַנומען,
פיאַלקעס צוויי פריש געצוואָגענע אין טוי
אַקאַרשט דורך פינסטערער ערד אַ דורכגעקומען.

## משה עובד

# סודות פון חדר

### אגדות און פירושים צום בוך „אין חדר אריין”

(פיערטע סעריע)

## א. דער כח פון דער לעגענדע

מידארף נים זיין קיין גרויסער תלמיד־חכם צו באמערקן די סמיכת־הפרשה צווישן מאמע חוה און מאמע ערד

ביידע האבן זיך ליב צופוצן און צו קאקעטירן. ביידע האבן ליב די זריעה און דאס טראגעדיקע פעלד, די בוימער ווען זיי בליען און די פירות ווען זיי ווערן צייטיג; ביידע האבן ליב דאס זינגען פון פייגעלעך און דעם וואליו פון טאנץ; ביידע שרעקן זיך פאר ערד־ציטערניש און פאר הימל־געשריי. און ביידע טראגן דאס אייביקע לעבן אין זיך.

מקען זאגן, אז סאיז נישט קיין סמיכת־הפרשה, נאר ממש איין פרשה: פון איין הויט, פלייש און בלוט, פון איין גוף און נשמה.

ווען מאמע חוה האט מיט איר אלטער מעשה־בראשית לעגענדע געזינדיגט קעגן זיך אליין און קעגן די פרוכט פון איר לייב און ווען זי איז געפאלן אויף דעם הייליקן פנים פון ירושלים און זיך געבעטן מחילה, און ווען זי איז שוין געלעגן פארשמאכט און אונבאוואסט, און ביידע מאמעס האבן זיך געוויינט אין א טייך טרערן האבן זיי דערהערט א בת־קול: זייט געטרייסט מאמעס, זייט געטרייסט! א לעגענדע האט אייך פאראומגליקט, און פון א לעגענדע וועט איר נאך ווערן באגליקט.

## ב. שוועסטער דינסטאג · זע „אין חדר אריין” ז׳ 32

ווען דער בעלפער איז מיט זיינע תלמידים ארויף אויפן הר־השירה, האט ער גוט געוואוסט וואס עס שטייט זיי פאר. ער האט געוואוסט, אז פון דער פערלדיקער פראכט פון דער שבת־מלכה און פון איר זיסער זמירות, וועלן זיי ווערן ערמונטערט און אויפגעפרישט. ער האט אבער אויך געוואוסט, אז ווי נאר זיי וועלן דערזען די פרצופים און דעם הולך פון אירע זעקס שוועסטער די וואכעדיקע טעג, און דערהערן זייערע הארץ־לעכערנדיקע זיפצן און הימל־שפאלטנדיקע געשרייען, וועלן זיי עס נישט קענען אויסהאלטן און וועלן זיכער אוועק׳חלש׳ן.

מה עשה הבהעלפער? — ער האט זיך אנגעלארענט מיט כל־ערליי נע־וויריך־שאכטעלעך און פערפיום־פלעשעלעך כדי זיי צודערמונטערן.

איינמאל האט אזא מעשה פאסירט:

שוועסטער דינסטאג האט אריינגעקוקט דורכן פענסטער פון חדר, איר פארוויינט פנים האט אים דערציילט פון איר שרעקלעכער פאלאזשעניע. אז דער וועלט־בעל־הבית באהאנדלט זי נישט ווי א מלכה׳ס א שוועסטער, נאר ווי א דינסט־מויד אין די אלטע צייטן! אז זי איז שוין אין די יארן און האט



נאך גאר נישט קיין נדן. און איר איינציקער אויסשטייער איז א גראער צאפ. און אזוי ווי זי רעדט פאלט זי אוועק, איר פנים ווערט גרא און געל און א שוים ליגט איר אויף די ליפן. איז דער בעלפער צו איר ארויסגעלאפן מיט אלע זיינע שמעקעדיקע פלעשעלעך און שאכטעלעך און צו איר אזוי געזאגט:

„זארג גארנישט שוועסטער דינסטאג, גארנישט געזארגט! זעסט מיין חדר מיטן צירונג וואס איך זאמל? עס איז א חופה פאר דיר דיין אויסשטייער וועט זיין אזוי שיין, אז דו וועסט זיך גארנישט האבן וואס צו שעמען פאר דער שבת־מלכה. מיינע מוזיק־שאכטעלעך וועלן זיין דיינע כל זמרים, און איך קען גוט גראמען און וועל זיין דיין בדחן”. האט זי זיך נאך מער צע־בליפעט, אבער ווען זי האט זיך גוט אויסגעוויינט האבן אירע אויגן געשיינט ווי א שטוב באלויכטן פון צוויי גאלדענע שבת־ליכט.

## ג. פערציג לייבן און איין פארהאנג

פערציג בינעזער־לייבן וואס די מלכה פון בריטאניען האט געשאנקען דעם בעלפער, זיינען געשטאנען אויף דער וואך ביים אריינגאנג פון חדר. זיי האבן עם באשיצט פון גנבים, גזלנים און ראזביאניקעס.

קיין טיר האט דאס חדר נישט געהאט, נאר א לייווענדיקער פארהאנג. איבער אימיצער האט געוואלט אריבערשפרייזן די שוועל און ער האט נישט געהונגערט נאך דער תורה פון לעבן, נישט געדורשט נאכן תפארת פון דער שיינקייט און נישט געחלשט נאך די בשמים פון אגדות, האט אים די פאר־האנג נגעבן א כאפ ארום און אים געווארפן צו די פערציג לייבן און זיי האבן אים פארצוקט מיט פארצוקונג. די לייבן האבן אייביג געטאן זייער לעגענ־דארער פליכט מיטן גרעסטן פערגעניגן. אפגעפארטיקט מיט איינעם האבן זיי זיך געריבן די לאפעס און געלעקט זיך די ליפן. ווי זיי וואלטן געזאגט: ווער איז דער נעכסטער?

איז אבער דער אריינקומער יא געווען ראוי צו ווערן א תושב פון חדר, האט אים די פארהאנג ארומגעכאפט ווי א הייבאם א נייגעבוירענעם קינד. אים אוועקגעזעצט אויף דער כסא-הבהעלפער. שאכטעלעך האבן געשפילט און געקלימפערט, פייגעלעך האבן געזונגען און געטאנצט. גאלד און זילבער האבן פון זיך אראפגעווארפן דעם שאטן שלייער און געבליבן ליגן רייצנד נאקעט. און ווען די זון איז אונטערגעגאנגען איז ער שוין געווען א זעהער און א הערער, אפילו זיין שיחת־חולין האט שוין געציטערט מיט יראת שמים וארץ.

## ד. א ווארנונג

דער בעלפער האט געהאט א טבע צו דראפען זיך הויך, און זיך אויפ־צוהייבן אזש צו די הימלען און אז ער איז שוין געשטאנען גאר גאר הויך האט ער אויסגערעדט פארן בורא־עולם אלדאסבייז אויף זיך. זיך געשלאגן על חטא ביז ער האט זיך צעבראכן א זשעברע.

נאָר זינט עס האָבן געטראָפן צוויי סיבות ווען אַן אשה, וואָס האָט געהאַלטן אין מיטן אויסריידן אויף דעם בעלפער לשון-הרע איז אין מיטן גע־שטראָפט געוואָרן מיט אַ דיבוק, רחמנא לצלן! און אַ קריטיקער וואָס האָט זיך געגרייט זיין חדר נישט גינסטיק צו אַטאַקירן, האָט געקראָגן אַ האַרץ־שלאַג, און ביידע זיינען פאַר דער צייט נערופן געוואָרן אַהין, אָפּצוגעבן דין־וחשבון. זינט דעמאָלט האָט דער בעלפער שוין מורא אויף זיך צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט.

„אַ קשיה אויף אַ מעשה!" פּעלגט ער זיך טראַכטן „מאיז דאָך נאָר אַ לעבעדיקער מענטש. און דאָס אויך נישט אייביק....

## ה. דאָס בישוף-גערטענדל

פרעגט דער שכל הישר ז"ל: ווי קומט צו חוהן אַזאַ שוואַרצע נבוהה אַן עין הרע, צו שאַפן אַזעלכע לידער און טענץ? אַז זי קען זיין אַזאַ יפת־תואר איז נאָך באַגריפבאַר, ווייל די נאַטור האָט איר געבאַרגט אַ גמילת־חסד. אָבער רוח־הקודש פאַר קינסטלערישער יצירה פון וואַנען האָט זי דאָס גענומען? דאָס שטאַמט דאָך פון אונזעבאַרע אונבאַגרייפבאַרע קוואַלן. טאַ ווי אַזוי האָט חוה עס אויסגעפונען? וואָס פאַרא באַרמהערציקער מלאך האָט איר אַנפאַרטרויט מיטן שליסל? ענטפערט דערויף דער בעל־הגדה (אים צו לענגערע יאָרן) אַזוי:

ווי באַוואוסט האָט חוה געקאָנט נייען און שטריקן, וואַשן און קאָכן, באַקן און פרעגלען; פאַר אַ מאַן זיין אַ ווייב, פאַר אַ קראַנקן — אַ שוועסטער; פאַר אַ קינד — אַ מאַמע; פאַר אַן אייניקל — אַ באָבע; פאַר אַ פּלימעניק — אַ טשאַטשע; נאָר טאָמער האָט איר אויסגעפעלט אַביסעלע אינספּיראַציע האָט זי אַזוי געטון:

זי האָט געהאַט אַ בישוף גערטנדל, אין דעם פּרדס'ל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן אַ גאַנץ יאָר עפּל און באַרנעס, קערשן און פלוימען, ראַזשינקעס און מאַנדלען — חלב ודבש! און וויפל מען האָט נישט געזאָלט נעמען פון גערטנדל, איז אייביק געבליבן נישט מיט איין פּירה געמינערט און ווען אַ ילוד־אשה האָט זיי גענומען אויף דער צונג זיינען זיי צוגאַנגען אין אַלע אבריםלעך.

פלעגט חוה יעדן ערב שבת די דעליקאַטעסן צעטיילן צווישן קליינע קינ־דערלעך, פון דער ליבטיקער פרייד און זייערע פנימלעך און טאַנצנדיקע קויע־לענדע־אויגעלעך האָט חוה געשעפּט גאַנצע עמערס רוח־הקודש פאַר שאַפן אירע לידער און טענץ.

## ו. לייבעלע שניידער און אליהו הנביא'ס מאַנטעל

פאַרן מלך מלכי המלכים פּאַסט עס צו נייען פאַר אַלע זמנים נייע קליידער

אָבער ווי פּאַסט עס פאַר לייבעלע שניידער? — „אין חדר אריין" ז' 114

צו באַגרייפן קלאָרער פאַרוואָס דער מלביש־ערומים האָט זיך אַזוי גע־



נומען צום האַרצן דאָס וואָס לייבעלע איז געוואָרן אויס שניידער, דאַרף מען צוריקגיין אַ לאַנגן מהלך, אַזש צו אליהו הנביא'ן.

ווי סרוב נביאים, איז אויך אליהו געווען אַ פּאַסטוך. און ער איז זיך נוהג געווען, אָפּצושערן אַ לאָק וואָל פון יעדן פאַרוואונדעטן שעפּעלע וואָס ער האָט אויסגעהיילט, און זיין באַוואונדערער יוחנן החיית, האָט די וואָל אויסגעשפּונען, אויסגעוועבט און אויפגענייט פון איר דעם מופת־מאַנטל, מיט וועלכן אליהו האָט געשפּאָלטן דעם ירדן: דאָס זעלבע האָט געטאָן מיטן זעלבן מאַנטל אלישע. און אלישע האָט דעם מאַנטל געמאַכט אַרבן אַ דריטן איש־אלהים, וואָס האָט אויך געטאָן מופתים מיט אים. און דער דריטער אַ פערטן און אַזוי ביז היינט־צו־טאָג.

און ביז היינט איז ניט געווען איין דור אין וועלכן עס איז נים געווען בנימצא כאָטש איין ייד, וואָס זאָל נישט זיין ראוי און זוכה צו טראָגן דעם מופת-מאַנטל.

גרויס איז געווען לייבעלע שניידערס יחוס, מחמת ער האָט געשטאַמט פון דעם יוחנן החייט, אליהו הנביא'ס שניידער. און זיין יחוס עצמו איז געווען נישט קלענער. ווייל ער האָט זיינע מלבושים געמאַכט אַמיינסטן נישט פאַר יעדער פיגור. נאָר פאַר קרומע קאַליקעס און ווען עס האָט אים געלונגען קרומע פיס מיט זיינע הויזן אויסצוגלייכן אָדער מאַכן אַ הויקער אונבאַמערק־באַר, אָדער מאַכן אַ שרייבער אויסזען אַ שטיקל לייט, להבדיל ווי אַ סוחר, איז ער געווען גליקלעך איבער גליקלעך.

ויהי היום, און לייבעלע שניידער האָט זיך געלאָזט איבערריידן געקויפט סחורה און פון האַנט צו האַנט פאַרדינט. און ווייטער געקויפט. ביז ער איז געוואָרן שטיין־רייך און אויס שניידער.

„און געליבט דעם הימלישן פאַטער
אַז ער איז פון שניידעריי געוואָרן פּטור."

אַט אויף דעם באַקלאָגט זיך „אין חדר אריין". דער בורא עולם און מען מיז צוגעבן אַז ער האָט פאַלקאָם רעכט.

## ז. חוה די מאַדיסטן

זע „אין חדר אריין" ז' 78

נאָך דעם ווי חוה איז געוואָרן אין בבל שטאַרק פּאָפּולער דורך דעם, וואָס זי האָט געשריבן דעם גלות־גן־עדן „שלאַגער". דערציילט דער בעל־הגדה נ"י. אַז די באַביל־אַנישע פרויען האָבן איר נאָכגעטאָנצט אַלץ וואָס זי האָט נאָר געטאָן: זיך געקליידעט און געפּוצט ווי זי, געגעסן, געשמייכלט און גע־גענעצט ווי זי, און גענוצט די זעלבע פּאַרערס, פּערפיומען און קאָסמעטיקס פונקט ווי זי.

איינמאָל האָט חוה שפּאַצינדיק, פאַרלוירן אַ הויכלעציקן קאַמאַש. נאַטירלעך האָט זי אונטערגעהונקען גייענדיק. צומאָרגנס האָבן אַלע באַביליאַ־נישע פרויען אויך אונטערגעהונקען, מיינענדיק אַז אַזוי איז עס די לעצטע

נאָר זינט עס האָבן געטראָפן צוויי סיבות ווען אַן אשה, וואָס האָט געהאַלטן אין מיטן אויסריידן אויף דעם בעלפער לשון-הרע איז אין מיטן געשטראָפט געוואָרן מיט אַ דיבוק, רחמנא לצלן! און אַ קריטיקער וואָס האָט זיך געגרייט זיין חדר נישט גינסטיק צו אַטאַקירן, האָט געקראָגן אַ האַרץ־שלאַג, און ביידע זיינען פאַר דער צייט גערופן געוואָרן אַהין, אָפּצוגעבן דין־וחשבון. זינט דעמאָלט האָט דער בעלפער שוין מורא אויף זיך צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט.

„אַ קשיה אויף אַ מעשה!“ פלעגט ער זיך טראַכטן „מ׳איז דאָך נאָר אַ לעבעדיקער מענטש, און דאָס אויך נישט אייביק....

## ח. דאָס כּישוף-גערטענדל

פרעגט דער שכל הישר ז"ל: ווי קומט צו חוהן אַזאַ שוואַרצע גבורה אָן עין הרע, צו שאַפן אַזעלכע לידער און טענץ? אַז זי קען זיין אַזאַ יפת־תואר איז נאָך באַגריפבאַר, ווייל די נאַטור האָט איר געבאָרגט אַ גמילת־חסד. אָבער רוח־הקודש פאַר קינסטלערישער יצירה פון וואַנען האָט זי דאָס גענומען? דאָס שטאַמט דאָך פון אונזעבאַרע אונבאַגרייפבאַרע קוואַלן, טאַ ווי אַזוי האָט חוה עס אויסגעפונען? וואָס פאַרא באַרמהערציקער מלאך האָט איר אָנפאַרטרויט מיטן שליסל? ענטפערט דערויף דער בעל־הגדה (אים צו לענגערע יאָרן) אַזוי:

ווי באַוואוסט האָט חוה געקאָנט נייען און שטריקן, וואַסן און קאָכן, באַקן און פּרעגלען; פאַר אַ מאַן זיין אַ ווייב, פאַר אַ קראַנקן — אַ שוועסטער; פאַר אַ קינד — אַ מאַמע; פאַר אַן אייניקל — אַ באָבע; פאַר אַ פּלימעניק — אַ טשאַטשע; נאָר טאָמער האָט איר אויסגעפעלט אַביסעלע אינספּיראַציע האָט זי אַזוי געטון:

זי האָט געהאַט אַ כּישוף גערטנדל, אין דעם פּרדס׳ל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן אַ גאַנץ יאָר עפּל און באַרנעס, קערשן און פלוימען, ראָזשינקעס און מאַנדלען — חלב ודבש! און וויפל מען האָט נישט געזאָלט נעמען פון גערטנדל, איז אייביק געבליבן נישט מיט איין פּירה געמינערט און ווען אַ ילוד־אשה האָט זיי גענומען אויף דער צונג זיינען זיי צוגאַנגען אין אַלע אברימלעך.

פלעגט חוה יעדן ערב שבת די דעליקאַטעסן צעטיילן צווישן קליינע קינדערלעך, פון דער ליכטיקער פרייד און זייערע פּנימלעך און טאַנצנדיקע קוועלענדע־אויגעלעך האָט חוה געשעפּט גאַנצע עמערס רוח־הקודש פאַר שאַפן אירע לידער און טענץ.

## ו. לייבעלע שניידער און אליהו הנביא׳ס מאַנטעל

פאַרן מלך מלכי המלכים פּאַסט עס צו נייען פאַר אַלע זמנים נייע קליידער. אָבער ווי פּאַסט עס פאַר לייבעלע שניידער? — „אין חדר אַריין ז׳ 114.

צו באַגרייפן קלאָרער פאַרוואָס דער מלביש־ערומים האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרצן דאָס וואָס לייבעלע איז געוואָרן אַ שניידער, דאַרף מען צוריקגיין אַ לאַנגן מהלך, אַזש צו אליהו הנביא׳ן.

ווי סרוב נביאים, איז אויך אליהו געווען אַ פּאַסטוך, און ער איז זיך נוהג געווען, אָפּצושערן אַ לאָק וואָל פון יעדן פאַרוואונדעטן שעפעלע וואָס ער האָט אויסגעהיילט, און זיין באַוואונדערער יוחנן החייט, האָט די וואָל אויסגעשפּונען, אויסגעוועבט און אויפגענייט פון איר דעם מופת־מאַנטל, מיט וועלכן אליהו האָט געשפּאָלטן דעם ירדן: דאָס זעלבע האָט געטאָן מיטן זעלבן מאַנטל אלישע, און אלישע האָט דעם מאַנטל געמאַכט אַרבן אַ דריטן איש־אלהים, וואָס האָט אויך געטאָן מופתים מיט אים, און דער דריטער אַ פערטן און אַזוי ביז היינט־צו־טאָג.

און ביז היינט איז ניט געווען איין דור אין וועלכן עס איז ניט געווען בנימצא כאָטש איין ייד, וואָס זאָל נישט זיין ראוי און זוכה צו טראָגן דעם מופת-מאַנטל.

גרויס איז געווען לייבעלע שניידערס יחוס, מחמת ער האָט געשטאַמט פון דעם יוחנן החייט, אליהו הנביא׳ס שניידער, און זיין יחוס עצמו איז געווען נישט קלענער, ווייל ער האָט זיינע מלבושים געמאַכט אָמיינסטן נישט פאַר יעדער פיגור, נאָר פאַר קרומע קאַליקעס און ווען עס האָט אים געלונגען קרומע פיס מיט זיינע הויזן אויסצוגלייכן אָדער מאַכן אַ הויקער אומבאַמערקבאַר, אָדער מאַכן אַ שרייבער אויסזען אַ שטיקל לייט, להבדיל ווי אַ סוחר, איז ער געווען גליקלעך איבער גליקלעך.

ויהי היום, און לייבעלע שניידער האָט זיך געלאָזט איבעריידן געקויפט סחורה און פון האַנט צו האַנט פאַרדינט, און ווייטער געקויפט. ביז ער איז געוואָרן שטיין־רייך און אויס שניידער.

„און געגלייבט דעם הימלישן פאָטער
אַז ער איז פון שניידעריי געוואָרן פטור.“

אָט אויף דעם באַקלאָגט זיך, „אין חדר אַריין“, דער בורא עולם און מען מוז צוגעבן אַז ער האָט פאָלקאָם רעכט.

## ז. חוה די מאָדיסטן

זע „אין חדר אַריין“ ז׳ 78

נאָך דעם ווי חוה איז געוואָרן אין בבל שטאַרק פּאָפּולער דורך דעם, וואָס זי האָט געשריבן דעם גלות־גן־עדן „שלאַגער“, דערציילט דער בעל־הגדה נ"י, אַז די באַביליאָנישע פרויען האָבן איר נאָכגעטאָנצט אַלץ וואָס זי האָט נאָר געטאָן: זיך געקליידעט און געפּוצט ווי זי, געגעסן, געשמייכלט און געגענעצט ווי זי, און גענוצט די זעלבע פּאָדערס, פּערפיומען און קאָסמעטיקס פּונקט ווי זי.

איינמאָל האָט חוה שפּאַצירנדיק, פאַרלוירן אַ הויבקלעציקן קאַמאַש. נאַטירלעך האָט זי אונטערגעהונקען גייענדיק, צומאָרגנס האָבן אַלע באַביליאָנישע פרויען אויך אונטערגעהונקען, מיינענדיק אַז אַזוי איז עס די לעצטע

מאָדע, ווען חוה האָט נישט קיין קאָרסעט, וואָלט זי געפּלאַצט פון געלעכטער־דאָס צוזעהענדיק.

חוה האָט אַרויסגעקוקט דורך אירע צוויי קלוגע פענסטער פון קאָפּ און געלאַכט אויף דייטשמעריש: — „אַזוי וואַר ווי איך לעב. זיי זיינען משוגע געוואָרן אויף איין פּוסע! האַ, האַ, האַ, און הי, הי, הי.“ זי האָט אַזוי לאַנג געקייכט ביז אויך דער קאָרסעט האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט געמוזט פּלאַצן. . . .

איינמאָל גייענדיק אין גאַס און צוזעענדיק ווי גאַנץ פּעמינען בבל הינקט אונטער, האָט זי פעסט פאַרשרויפט ס'מויל. ס'געלעכטער זאָל נישט קאָנען אויסשיסן. האָבן אַלטע באַבעלאָנישע באָבעלעך, ווי יונגע מאַדמאַזעלישע מיידלעך אויך פאַרשרויפט די מיילעכלעך, זיי האָבן געגלויבט אַז אַזוי איז דער דין פון דער לעצטער מאָדע.

ס'שענסטע איז אָבער געווען דערציילט ווייטער דער בעל הגדה, ווען איינמאָל האָט מען אין איר כבוד געמאַכט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ פון קונסט אַ נוזמאַ'דיקן באַנקעט, מ'האָט פאַרבעטן די גרעסטע געטשקע־מאַכערס פון דער אַרטיסטישער וועלט. אַלע טינטן־טינטלער, שטיינער קראַצערס און אַלע פאַרבן און לייב פּאַסקודזשאַקעס. זיבעציג לאַנגע טישן זיינען געווען באַדעקט מיט מעדני מלך, געבראָטענע לעבערלעך, היימישע פיש און קרעפּלעך, ווי אויך שטרודל! און חוה איז זיך געזעסן אויף אַן עלעפאַנטענעם טראָן, און אַלע אויגן זיינען געווען געווענדעט צו איר מיט אָפענע אוירן און מיילער.

דער נאַציאָנאַלער אַראַטאָר האָט געטרונקען איר טאָאַסט מיט די ווערטער: „איך הויב אויף מיין כוס אין כבוד פון דער וועלט־באַרימטער לעגענדאַרישער העלדין וואָס האָט אונזער פרויען־פאָלק אויפגעהויבן פון בלאָטע און עם אוועקגעשטעלט אויף איין קלעצעלע, גראַציעז ווי אַ פּאַווע! זי האָט דאָס ריידעוודיקסטע געשלעכט דאָס מויל פאַרשרויפט (גרוים געלעכטער) איז די בראָווע ברוסטן זיי פאַרשנורעוועט. נישט ווי אַמאָל אין אויסגעלאַסענעם גן־עדן. און חוה האָט זיי געלערנט אַז זיי זיינען פאַרשאַלטן און מיט אדם'ן שפּילט מען זיך נישט. . . .

און איצט טרינקט אַלע צו דער קעניגין פון אַלע שלאַנגערס — חוה'ן“

האָבן זיך בעכער פון בעכער אָנגעקלאַפּט ווי שיכורים און און העלזערנע הויטיקע פלעשער אַריינגעבליאַפּעט.

נאָך די כוסות האָבן זיי נעוואָרט אונגעדולדיק אויף דער סעודה. וואָלן ריחות פון די טייערע מאכלים האָבן געפלייצט אַריין אין די מאַגנס משוגע צו ווערן. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט זיך צוצורירן צו אַ מאכל ביז חוה וועט נישט אָנפאַנגען און דאָס וואָס זי וועט עסן וועלן זיי אויך עסן.

מה עשתה חוה החכמת? וואָס האָט געטאָן חוה'לע די קלוגסטע? זי האָט זיך געהייסן אַריינברענגען אַלטע זייערע ראָזעווע ברויטן, זי הייסט זיי צווענגן אויף שטיקער. זי לייגט אַרויף איין פּלעצל אויפן צווייטן. עס זעט אויס ווי אַ סענדוויטש, און זי גריזשעט עס. דער גאַנצער עולם קוקן צו און



טוען איר נאָך. ווען דער באַנקעט דאָט זיך געשלאָסן האָבן זיי שוין געהאַט אַלע ציין אויסגעגריזשעט. זייט דעמאָלט איז אַריין אין דער מאָדע דער אידעאַלאַנישער אידעאַל פון ראָזאָווע גלייכהייט. נישט פאַרשידענאַרטיקע רייכקייט.

אָט דאָס מיינט די גמרא מיט דעם שפּריכווערטל: הנא בבלי טפשאי דאבלי נהמא בנהמא (באַבילאָנישע נאַראַנים זיינען די וואָס עסן ברויט מיט ברויט).

## ח. די דריי שטערן

בשעת די אַלטע מעשה־בראשית לעגענדע האָט, נישט היינט געדאַכט, אַרויסגעטריבן דעם מענטש פון גן־עדן, האָט ישראל מיטגענומען אַביסעלע גן־עדן־גאָלד, — אַ גאָלד וואָס איז אייביק היים און אַביסעלע בשמים וואָס וועפּט זיך קיינמאָל נישט אויס און אויסגעשמידט דריי בשמים־ביקסלעך.

ישראל האָט געוואוסט בנביאות, אַז ער וועט איבער דער לעגענדע מוזן אויסשטיין דריי אמתע גלותן איידער אַ נייע מעשה בראשית וועט אים פון זיי אויסלייזן. ער האָט גוט געוואוסט אַז אין די דריי גלותן וועט ער ווערן אויסגעמוטשעט און פאַרצערט, און נאָר דער גלאַנץ פון גן־עדן גאָלד און דער ריח־הניחוח פון גן־עדן בשמים וועט זיין בכוח אים צו דערקוויקן און דערמוטיקן.

און כדי דער שונא זאָל אים נישט קענען באַרויבן אויך פון די בשמים־ביקסלעך, האָט ישראל זיי באַהאַלטן הויך אין די הימלען צוזאַמען מיט אַנדערע פון זיינע טייערסטע אוצרות. דאָרט וואו די בייזע האַנט פון שונא'ס ממשלה קען נישט דערגרייכן. די בשמים־ביקסלעך — זיי זיינען דאָס די דריי שטערן, וואָס באַווייזן זיך גלייך ווי דער שבת־קודש באַווייזט זיך און זיי לאָזן נישט אָרום קיין אויג פון ייד. ביז דער שבת־קודש טוט זיך נישט אָפּ.

דער נאָטס פּאַרכטיקער ייד, וואָס איז נהנה דערפון, ער באַפרישט און באַנייט זיינע כוחות, אויסצוהאַלטן די מוראדיקע לענג און טיפקייט פון דער שאל־תחתיה — די גלות־וואָך.

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1

## עדגאַר אַללאַן פּאָע

# דער ראָב

אויף יידיש פון **יעקב שמואל טויבש**

זיץ אַמאָל אינמיטן נאַכט איך, זיץ פאַרמאַטערט און פאַרטראַכט מיך
אין אַ בוך, אַלטפרענקיש, מאָדנע, פון פאַרגעסענע תורות שווער. —
ווילט זיך גראָד אַ דרימל כאַפּן, הער איך, פּלוצים, אַ מין טאַפּן,
ווי ווען אימעצער זאָל קלאַפּן, אָנקלאַפּן אין טיר זאָל ווער.
„ס׳קען נאָר זיין אַן אורח,“ זאָג איך, „ווער זאָל איצטער קלאַפּן, ווער?
איינציק דאָס און גאָר ניט מער.“

יאָ, כ׳געדענק נאָך, ס׳איז געווען אַ טעמנע טבת־נאַכט, געזען אַ
יעדן פייער־ניצוץ האָב איך גוסס׳ן און נפטר ווערן.
אוי, ווי כ׳האָב געגאַרט צום מאָרגן; — נישט פאַרמאָגט פון ביכער באָרגן
טרייסט צום צער און צו די זאָרגן — פאַר לענאָר, דער זעלטענער,
וואָס זי שמ׳ט איצט צישן כרובים — פאַר לענאָר, דער שטראַלנדיקער,
וואָס האָט דאָ קיין שם ניט מער.

טוט אַ שושקע, טוט אַ שאָרך עס, נעמט איינגאַנצן מיך אַדורך עס,
וועקט מיד — שרעקט מיך מיט דמיונות, נישט געוואוסטע ביז אַהער;
און, כדי דעם קלאַפּ צו שטילן פון מיין האַרץ, דעם איבערפולן,
זאָג איך: „ס׳האָט אַ גאַסט דעם ווילן היינט צו קומען דאָ אַהער,
ס׳האָט אַ שפּעטער גאַסט דעם ווילן היינט צו קומען דאָ אַהער:
אָט אַ דאָס און גאָר ניט מער.“

שוין באַוואָרענטער און שטרענגער, ציינער איך אַצונד נישט לענגער,
„פּריץ“, זאָג איך, „אָדער פּריצה זייט־זשע מוחל, כ׳בעט אייך זער;
גראָד געוואָלט אַ דרימל כאַפּן, הער איך ביי דער טיר אייך טאַפּן,
שטיל אַזוי אייך קלאַפּן, קלאַפּן, ספק איך מיך, איז דאָרט ווער“ —
און איך עפן ברייט די טיר אויף: „איז דאָרט אימעץ, איז דאָרט ווער?“
פינצטערניש און — גאָר ניט מער.

אין דער פינצטער שטיי און וואַרט איך, שטיי און חידוש מיך און פאָרכט מיך,
שטיי און חלום, — אַזאַ חלום, צי האָט שוין גע׳חלומט ווער?
אָבער שאַ. מע זעט און הערט נישט. און דאָס שטילקייט קיינער שטערט נישט
און דאָס איינציקע וואָרט, פאַרווערט נישט, איז „לענאָר“. וואָס איך באַגער,
און מיין איינן עכאָ שעפּטשעט קריק, „לענאָר“, וואָס איך באַגער:
און אַ חוץ דעם, גאָר ניט מער.



טרעט צוריק אין די פיר ווענט איך, די נשמה אין מיר ברענט מיך,
הער איך ווידער אַ מין קלאַפּן, העכער נאָך, ווי ביז אַהער.
„לאָמיך זען, וואָס אָט די קלעפּ איז,“ זאָג איך, „אַגב ניט אויף די טרעפּ איז;
מוז דאָס זיין ביים פענצטער עפּעס. לאָמיך זען, צי איז דאָרט ווער;
לאָז זיין שטיל דאָס האַרץ אַ רגע, וועל איך זען, צי איז דאָרט ווער;
ס׳איז דער ווינט און גאָר ניט מער.“

און כ׳צעפּראַל דעם פענצטער־לאָדן, קומט, בכבוד, ווי אַן אדון,
זיך אַריין אַ ראָב, אַן אַלטער, פלאַטערנדיק צו מיר אַהער.
מעשה־פּריץ, נישט פאַרנייגט זיך; נישט געגרוסט און נישט געבייגט זיך;
אויף דער שטוב־טיר גלייך פאַרלייגט זיך און—שוין זיצט אַדאָרטן ער:
אויף מיין ווייסן פּאַללאַס־באָקל דאָרט זעצט זיך אַנידער ער:
זעצט זיך, זיצט, און גאָר ניט מער.

איי ס׳איז פריקרע אויפן האַרצן, שמייכל פאָרט איך פונעם שוואַרצן
פויגל, פון זיין ערנסטן פּרצוף, פון זיין ווערדע, שטאָלץ און שווער. —
„באָטש דיין טשוב טויג אויף כפּרות,“ זאָג איך, „ווייזטו אויס אַ חריף,
איצט צו גיין, דו פינצטערער פּריץ, איצט, ביי נאַכט, פון ברעג אַהער!
זאָג, ווי הייסטו, דו, וואָס קומט ביי נאַכט פון פינצטערן ברעג אַהער!“
זאָגט דער ראָב, „קיינמאָל ניט מער.“

כ׳זאָל דעם מאָדנע פויגל הערן, אַזוי פּשוט דאָס דערקלערן,
כאָטש ער רעדט דברים בטלים, חידוש׳ט מיך באמת זער;
ס׳איז דאָך טאָקע נישט צו גלייבן, קומען זאָל אַ ראָב צו שוועבן,
און ער זאָל אַ זעץ זיך געבן אויף דער שטוב־טיר אייערע,
זיך באַזעצן אויף אַ באָקל, אויף דער שטוב־טיר אייערע.
און — ער הייסט „קיינמאָל ניט מער.“

נאָר ווי דאָס זאָל זיין דער עיקר, רעדט דער ראָב, דער זיצנדיקער,
נאָר דאָס איינע וואָרט, זיין חיות ליינגט אין אים אַריינעט ער.
ווייטער ניט נישט מער קיין פּשט ער, מיט אַ פעדער נישט קיין פלאַטער;
שטאַמל איך, ווי אַ תמ׳עוואַטער. — „אַנדערע פריינט אַוועק, אויך ער
וועט אַוועקגיין, ווי מיין האָפענונג, מאָרגן וועט אַוועק אויך ער.“
מאַכט דער ראָב, „קיינמאָל ניט מער.“

איך, נשתומם פון דער טענה, פון די קלוגע ווערטער זיינע,
„בלי שום ספק,“ זאָג איך, „איז דאָס איינע וואָרט זיין גאַנץ געווער;
אויפגעכאַפּט עס פון זיין פּריץ, וואָס, פון יאוש און פאַר צרות,
קען זיין ליד קיין אַנדערן חריז, חוץ דער שורה, קורץ און שווער:
חוץ דעם הספּד אויף זיין האָפענונג, מרה־שבורה׳דיק און שווער
פון „קיינמאָל — קיינמאָל ניט מער.“

און צום פויגל, דעם בר־שבל,
רוק איך צו א שטול, א פליושנע,
און כ'הויב אן מחשבות שפינען
וואס האט ער געקענט אין זינען
דער משונה'דיקער, מיאוסער,

אלץ נאך מיט א האלבן שמייכל,
זעץ מיך ברייט אוועק און קלער;
און איך פרואוו ארויסגעפינען,
האבן, דער שלימזל, דער,
מאגערער שלימזל, דער,
קראקענדיק „קיינמאל ניט מער."

זיץ איך עס אזוי און גריבל,
און די בליקן יינע ברענען
שפאר דעם קאפ איך צום וויאלעטן
פונעם פליוש, דעם אויסגעבעטן,
גלאנצט און גלינצערט אויפן סאמעט.

האט דער ראב, וויזט אויס, פאראיבל,
מיר אין בוזים פארכטיקער;
קישן צו, און לאז מיך גלעטן
בעת דער לאמפ, דער ליכטיקער,
מיט א שיין, א ליכטיקער,
נאר אויף א י ר, קיינמאל ניט מער.

נאכדעם האט די לופט געמאכט זיך
ס'א מין ריח, פארשפרייט פון שרפים,
„בטלן," זאג איך, „מיט דער תנופה,
דורך מלאכים דיר א תרופה,
טרינק, א טרינק פון דער רפואה

דושנע, ווי פון ווירעך, דאכט זיך,
מיט א תנופה, דא אהער;
שיקט דיין גאט פון הימל גופא,
זאלסט פארגעסן דיין באנער!
און פארגעס שוין דיין באגער!"
זאגט דער ראב, „קיינמאל ניט מער."

„נביא!" זאג איך אים, „שליח!
האט דער רוח דיך אנגעטראגן,
זאג מיר, מיר דעם שווער געפלאגטן,
פון א ווילדן שרעק געיאגטן —
זאג, 'הצרי אין בגלעד!' —

צי א פויגל, צי א רוח!
צי א שטורעמווינט אהער;
פון זיין גורל אויסגעגאגטן —
זאג, כ'באשווער דיך, איך באשווער:
כ'וויל דעם אמת, איך באשווער!"
זאגט דער ראב, „קיינמאל ניט מער."

„נביא!" זאג איך אים, „שליח —
זאג, ביים הימל און ביים גאט, וואס
וועל איך נאך, זיי מיר מגלה,
ליידן, זען מיך מיט מיין כלה,
וואס זי שמ'ט איצט צווישן כרובים,

צי א פויגל, צי א רוח!
ביידע, דו און איך פארער,
אין גן־עדן און נאך אלע
מיט לענאר, דער זעלטענער,
מיט לענאר, דער שטראלנדיקער?"
זאגט דער ראב, „קיינמאל ניט מער."

שריי איך אויף א קול: „אן עק איצט!
גיי אוועק צון אלדע שווארצע
ניי, איך וויל דיך נישט מער וויסן,
און מיט שקרים עס צעריסן!
פון מיין הארץ ארויס דעם שנאבל!

ראב, פאסקודנער דו, אוועק איצט!
יאר און וויין דיך דא נישט מער!
האסט דיך אין מיין הארץ פארביסן
גיי־זשע, גיי, פארשוואונדן ווער!
פון מיין טיר פארשוואונדן ווער!"
זאגט דער ראב, „קיינמאל ניט מער."



און דער וויסטער ראב, ביז איצטער,
אויף דעם בלייכן פאלאס־באקל,
און די אויגן זיינע פינקלען,
און דעם שטוב־לאמפ'ס ליכטיק שמונקלען
און עס וועט שוין מיין נשמה,

אלץ נאך זיצט ער, אלץ נאך זיצט ער
רירט זיך שוין פון דארט נישט מער;
נאר ווי ביי א שד, א טונקלען,
ווארפט זיין שאטן דא אהער:
פון דעם שאטן, שווארץ און שווער,
נים ארוים — קיינמאל ניט מער!

## אליהו פאלושאק

### „קאמעראדן סאלדאטן" אדער די רעוואלוציע פון די כניאקעס

דעם ערטשן אפריל 1948 זיינען געווארן 15 יאר, ווי די נאצים האבן אויסגערופן דעם ארגאניזירטן עקאנאמישן באיקאט קעגן דעם יידישן ישוב אין דייטשלאנד. אין דער שפיץ פון דער דאזיקער באוועגונג איז געשטאנען דער טרוויריק־בארימטער גאולייטער פון דער פראווינץ פראנקען, דער רעדאקטאר פונם „שטירמער", יוליוס שטרייכער, ימח שמו.

איך בין געווען דערביי, ווי ס'האט זיך אנגעהויבן, און ווען איר זענט אייך דערביי געווען, ווייסט איר, ווי אזוי עס איז געשען.

און אנגעהויבן האט עס זיך באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, לאנג איידער סאיז באקאנט געווארן דער נאמען פון דער משונהדיקער מענטשלעכער בעסטיע מיט די צאן־בערשטלעך־וואנסעם. און ווען די ווערטער נאצי, קאצעט, געסטאפא, אויסזידלונג, און ווייסט דער רוח וואס, האבן נאך נישט געהערט צו דעם וואקאבעל־אוצר פון א ניי־אויפשטייגנדער ציניזשער וועלט.

אנגעהויבן האט עס זיך אזוי „ציוויליזירט", שא־שטיל, מיט קליינע צעטעלעך, דריי צאל אין דער ברייט, פיר צאל אין דער לענג. שווארץ געדרוקט אויף רויט פאפיר מיט אן אומשולדיקן טעקסט. קענן עפעס לאנד־פרעמדע מענטשן, לאנד־פרעמדע איינפלוסן. ווערטער נישט קיין סך, נאר צוגעפאסט צום שכל און געדאנקען־גאנג פונם פשוטן דייטש. און יעדעס מאל אן אנדער טעקסט: אמאל אין פראזע, אמאל אין גראם. אלץ איז געווען אזוי געשיקט געמאכט. די דאזיקע צעטעלעך האט איר געפונען אויפגעקלעפט אויף לאמטערנס און טעלעגראפן־סלופן, אין טעאטערס און קאבארעטן, אין מענטשלעכע געבורויכס־אנשטאלטן און וואקזאלן אויף דעם לאנגן טויזנט־קילאמעטערדיקן וועג פון מזרח קיין מערב. — עפעס אזעלכע קליינע רויטינקע „אומשולדיקע" צעטעלעך מיט פשוטע ווערטער, געדרוקט אין דער קוילן־שטאט באכום אין וועסטפאלן און אונטערגעחתמעט: דויטשער שוץ־און טרוץ־בונד". — אזוי „ציווילזירט", שא־שטיל און נארטיש....

און איר און איך און די הונדערט־טויזנטער, וואס זיינען מער נישטא, וועמענס געביינער זיינען אויפגעגאנגען אין אש און רויך, האבן די דאזיקע צעטעלעך נישט געזען. און ווען יא, האבן מיר אפגעווענדט אונדזערע אויגן מחמת מיר האבן נישט געגלייבט, אז עס קען שטעקן א כוח אדער א כשוף אין אזעלכע פראסט־פשוטע נאאיווע צעטעלעך: אמאל אין פראזע און אמאל אין גראם.

וואס מיר האבן יא געזען אדער געוואלט זען איז געווען: א נייע אויפשטייענדיקע פאלקס־הערשאפט, א ראנגעלניש פאר אן אמתע דעמאקראטיע, די יונגע ווײמארער רעפובליק, שטארקע מעכטיקע פרייע געווערקשאפט (טרייד יוניאנס), סאציאליסטישע מאסן־פארטייען מיט מיליאנען נאכפאלגער, קולטור־ארגאניזאציעס, פאלקס־טעאטער־געמיינשאפטן, ביכער־פארלאגן און וואס נישט אלץ. עפעס א קלייניקייט! דייטשלאנד, דאס פאלק פון בילדונג און וויסנשאפט, פון שילער, געטע, קאנט, היינע און לעסינג!.....

עס איז ביי די קליינע צעטעלעך נישט געבליבן. די צעטעלעך זיינען געוואקסן און געווארן אפישן, די אותיות זיינען געוואקסן און געווארן א פרעסע. א גאנץ פאלק איז געווארן פארכאפט פון א בייזן כשוף. די קאריקאטור פון טשארלי טשאפלין, דער פארשוין מיט די צאן־בערשטלעך־וואנסעס איז געווארן דער נביא פונם נייעם דייטשלאנד. ער און זיינע אפאסטאלן פרידיקן דעם כוח פון מאכט און געוואלט. דאס פאלק פון דיכטער און דענקער גרייט זיך צו ווערן א פאלק פון שעכטערס און הענקער. ווער ברויכט געטע, שילער, היינע, קאנט און לעסינג? די לאזונגען פון די נייע פראפעטן זיינען פארשטענדליכער און קלארער און זאגן צו א גאנצע וועלט. די נאגייקע, קינזשאל און רעוואלווער זיינען געווארן כשרע מיטלען פונם פאליטישן קאמף און פאליטישן ארגומענט. דער פארקרימטער צלם, דער האקנקרייץ איז געווארן דער סורעגאט פונם מענטשלעכן שכל. און געקלונגען האבן איבער אונדזערע קעפ אפגעריסענע פערזן פונם באיווארישן ביר־הויז דיכטער עקהארדט:

„שטורם, שטורם, שטורם, שטורם
עס קלינגען די קלאנגען פונם טורם....״

— — — — — — — — — — — — — —

„דויטשלאנד ערוואכע״.

עס איז געקומען די צייט פון דייטשלאנדס גלייבשריט, וואס האט געפירט צו דער ירידה פון אריש־קריסטלעכער ציוויליזאציע אין דער גאנצער וועלט. די פון אונדז, וואס האבן געגלייבט אינם גרויסן מאראלישן כח פון א פראגרעסיווער סאציאליסטישער ארבעטערשאפט, זיינען געווארן ביטער אנטוישט. מיר האבן זיך געפילט אפגענארט, פאראטן און פארקויפט.

דער באיקאט פונם ערשטן אפריל 1933 איז געווען די ערשטע צענטראל־ארגאניזירטע מאניפעסטאציע פונם נייעם נאצישן רעזשים קעגן דעם יידישן ישוב אין דייטשלאנד. די הערצער פונם דייטשן קרעמער און קליינבירגער זיינען געווען אנגעפילט מיט דאנקבארקייט צו זיין איצטער פאלקס־רעגי־



רונג״. יא, באזייטיקט וועלן ווערן פונם דייטשן פאטערלאנד אלע פאלקס־פרעמדע עלעמענטן. דער נייער רעזשים וועט אים, דעם דייטשן קרעמער און קליינבירגער, דעם מעדיצינער און אדוואקאט באשיצן קעגן די שמוציקע קאנקורענץ פון די גרויסע יידישע האנדלס־הייזער, יידישע באנקן, קרעמער, בעלי־מלאכות און אינטעליגענץ פון די פרייע פראפעסיעס.

ס'איז געווען אינמיטן פון דער דייטשער רעוואלוציע. זייער רעוואלוציע, דער רעוואלוציע פון די בניאקעס: פונם קרעמער, שטיוול־קנעכט, יונקער, פריינגעלאזטע אפיצירן, אויסגעדינטע סאלדאטן, באנקראטירטע עקזיסטענצן, אוואנטוריסטן, פארברעכער, פסעוודא־פראלעטאריאט, לומפן־פראלעטאריאט און לומפן־אינטעליגענץ. זיי האבן געהאט זייערע פירער, א פרעסע, א „וועלט־אנשויאונג״ און א „פילאזאפיע״. זיי האט גארנישט געפעלט.... אויך נישט קיין געלט. דער פארקרימטער צלם איז געווארן א כח. זיינע קאמף־מיטלען: די נאגייקע, דער קינזשאל און דער רעוואלווער. זיינע דינער: די מיליאנען מאסע פון די בניאקעס. געציטערט האט די ערד אונטער זייערע שטיוועלעס אין די הייזער ארום און ארום, ווען די ברוינע אדער שווארצע הונדערטשאפטן זיינען מארשירט, עכט פרייסיש־דייטש דיסציפלינירט, אינם גלייכן טריט און שריט.

„קאמראדן! סאלדאטן!״

— — — — — — — — — — —

„היינט איז עס דייטשלאנד
און מארגן די גאנצע וועלט.״

דאס איז געווען דער אנהויב פון זייער רעוואלוציע. דאמאלס מיט 15 יאר צוריק. עס איז געווען א מילדער פרילינג נאך א נישט צו שטרענגען ווינטער. איבער אונדזער אלעמענס קעפ האבן שוין געהאנגען די שווערע בלייערנע וואלקנס פונם אנקומענדיקן שטורעם.

מיט א פאר האנט־באוועגונגען איז געווארן צוריקגעשרויפט דאס ראד פון דער געשיכטע, מיט א פאר פעדער־שטריכן איז געווארן געשאפן דער נייער געטא פאר א גרויסן יידישן קיבוץ.

דאס איז נאר געווען דער אנהויב. מיר ווייסן, וואס ס'איז ווייטער געשען. און מיר וועלן נישט אויפהערן איבער דעם צו רעדן און צו שרייבן. מיר טארן נישט צולאזן, אז די וועלט זאל דאס פארגעסן.

ווידער איז עס א מילדער פרילינג נאך א נישט צו שטרענגען ווינטער. און איבער אונדזער אלעמענס קעפ הענגען ווידער שווערע בלייערנע וואלקנס. די ידיעות, וואס קומען אן פון פארשיידענע ווינקלען פון אונדזער קליין איינגעשרומפטן פלאנעטל אין די לעצטע פאר וואכן, זאגן קיין גוטס נישט אן. א טייל פון די זיגער, וואס האבן געקעמפט אין דער לעצטער מלחמה, האבן שוין פארגעסן קעגן וועמען און צוליב וואס זיי האבן געקעמפט. מען חנפט זיך צום שונא פון נעכטן, צו אונדזער שונא. מיט די גרויסמויליקע בלוטיק מיליטאנטישע רעדעס קעגן א נעכטיקן פריינט, וואס האט געהאלפן באר־

צווינגען די בלוטיקסטע טיראַניע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. העלפּט מען נאָר די שונאים פון נעכטן אויפצוהייבן זייערע קעפּ. יאָ, זיי זיינען מיט „לייב און זעל" גוט צוגעגרייט דערצו. די מערב־אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס ברויכן זיי קיין לאָזונגען נישט צו געבן. זיי האָבן זייערע לאָזונגען פון 1933 נאָך נישט פאַרגעסן:

„קאַמעראַרן, סאָלדאַטן!
הענגט די יודען,
שטעלט די באַנצן אַן די וואַנד!"

עס איז געווען מיט פופצן יאָר צוריק, דער „יודן־באָיקאָט" אין דייטשלאַנד. עס איז געווען דער טרויריקער אָנהויב. ווען וועט שוין זיין דער ענדגילטיקער סוף פון דער רעוואָלוציע פון די בניאָקעס?

## י. ראגעל

# געוויין פון בענקשאַפט

מיין חרובע היים —
אין הייליקן אָנדענק

אומענדלעך ווייַנענדיקע פּוסטקייט—מיין היים.
פאַרוויסט איז דאָ יעדער שפּור פון טריט.
אוראַלט ברוכווארג ווילד אָנגעוואָרפן אָנגעהויפט —
ווי נאַרנישט, נאַרנישט האָט דאָ געלעבט....

טויט איז דאָ דער ציטער פון אַ בלעטל.
ווינט ווי פאַר שרעק שוידערט אין שטילקייט און וויינט;
נאָר בלויז נאָגנדיקער טרויער וויקלט כסדר.
די באַנראַזשן פון געוויין....

ס'איז אָפּשיין פון וויַיטן צעבלי,
ווי מיט תהום פאַרנרעניצט:
ס'זאָגט בלויז ריח פון בלוטיקע סימנים —
אַז דאָ האָט גרוילזאַמער שטורעם געהויזט....

ס'איז זון דאָ — שוידערלעך געשפּענסט.
נאָר בלויז ווייטיק געוויקלט אין שטילקייט פּיבערט;....
נאָר הימל — אָן איינגעבראָכענער אַבל אין צאָרן —
צינדט דינינקע ליכטעלעך — געוויין, טראָפּ נאָך טראָפּן....



אַזוי אומענדלעך ווייַנענדיקע פּוסטקייט — מיין היים.
פאַרוויסט איז דאָ יעדער שפּור פון טריט.
אוראַלט ברוכווארג ווילד אָנגעוואָרפן, אָנגעהויפט.—
ווי נאַרנישט, נאַרנישט האָט דאָ געלעבט....

נאָר אַלץ ליגט אין בענקשאַפט פאַרטרויערט.
נאָר אַלץ ליגט אין טרויער און דערוואַרט: —
אַ האַנט פון ליכט וואָס זאָל פאַרגרעניצטן תהום דורכרייסן און רופן:
הייליק און דערלייזט!
הייליק און דערלייזט —
איז געוויין פון בענקשאַפט

טאַרנאָוו 2טן מערץ 1945

# ט ר ע ר ן

מיין טייערע שוועסטער חוה
אין הייליקן אָנדענק

קוק זיך איין און הער,
ווי פון אַלץ, פון אַלץ דערציילן,
דערציילן אויף שטומער שפּראַך —
טרערן: —
גופים — הויפנס אָנגעוואָרפענע קראַפּעווע.
פּנימער — צייכנס פון טרערן־פלעקן פאַרטריקנטע.
אויגן — געוועזענע צעבליטע פרילינגס —
זיינען איינגעקלעמט, איינגעשפּינט,
ווי איינגעשפּינטע פליגן....
אין רוף שטאַרבנדיקער —
צו טראָפּן מענטש, וואָס פאַרבליבן, —
פון איטלעכן, ווי קרעציקייט באַשפּיגן....
נאָר צייכנס פון פאַרטריקנטע טרערן־טראָפּנס —
ווייזן, ווי האַק פון פאַרלענדער האָט געטראָפן.
און זיי — פאַרשטומטע עדות פונעם חורבן —
פון אַלץ ווייטער דערציילן,
דערציילן אויף שטומער שפּראַך טרערן: —
„לעסטערער פון מענטש און גאָט, —
האָבן לעסטערונגס געטשן איבער אַלע ווענט אויפגעשטעלט.
און אַלץ וואָס ס'איז געווען צעבלי,
און אַלץ, וואָס ליכט איז געווען זיין נאָמען —

ביים סאַמע סאַמע אויפגיין —
צעשטערט און צעטראָטן.
און מיר — ווערעמלעך נישט דערטראָטענע....
און מיר — פאַרוואָרפענע בלעטלעך וואָס פאַרבליבן, —
מיר — מיר קענען אפילו נישט וויינען,
און מיר —
זיינען אינמיטן —
אינמיטן איינגעקלעמט, איינגעשפּינט, —
ווי איינגעשפּינטע פליגן....
יעדער באַוועג, יעדער בויג, —
איז, ווי געלייזט, אָפּגעשטאָרבן,
וואָס נאָכנישט געבוירן דער מייסטער
עס איבערצוגעבן....
אויך דאָרט, מסתּמא, שוועסטער מיינע,
ביז ס'האָט האַק פון פאַרלענדער,
אין שיין פון דיינע שוואַרצאַפּלען געטראָפן —
האָבן אויך דיינע אויגן מיט בלוט געטריפט און געטרערט.
אויך דיר, שוועסטער מיינע,
אין סאַמע מיט פון דיין פרילינג
האָבן לעסטערער דיין שענסטן צעבלי
מיט שוואַרצער קרעפּע אויסגעלייגט.
און דיינע אויגן, וואָס האָבן וואונדער מעשה'לעך געטרוימט —
זיינען אונטער פאַרשלאָסענע ווענט
אַראָפּגעהאָנגען, טרויעריק, פאַרשעמט.
נאָר וויינען — ניין! —
וויינען האָבן זיי נישט געקענט....
נאָר שאָטן פון דיין פאַרשטומטן טרויער,
ווי פאַרבליבענע, עדות פונעם חורבן נאָך איצט,
נאָך איצט איבער חרובע ווענט, ווי שפּינוועבס הענגט....
דו, וואָס אין דיר איז נאָך טראָפן מענטש פאַרבליבן,
צו דערגיין, וואָס לעסטערער פון מענטש און גאָט
האָט צעשטערט און צעטראָטן —
קוק זיך איין און הער
ווי פון אַן אָפּן בוך פון אַלץ דערציילן,
דערציילן אויף שטומער שפּראַך —
ט ר ע ר ן....

אַשוויענטשים 1943



## דוב וואַרשאַווסקי

# חרם-קללה מוז קומען אויף דייטשלאַנד און דייטשן!

## ס'בלוט פון קדושים איז מקטרוג...ס'מאָנט פון אונז נקמה אַן רוצחים!

(פאָרטזעצונג—II)

אין פאַבריקן נומער (98) האָבן מיר אויפגעדעקט דעם אמתן פּרצוף פון דעם „גוטן יודע" און „יידישן נביא" גאַלאַנץ, און וואוהין זיין דזשודאַאיזם פירט... און וואָלטן מיר, למשל, געוואוסט, אַז גאַלאַנץ איז גע'שמדט [עס וואָלט פיל געזינטער געווען פאַר אונז...!] וואָלטן מיר זיך נישט מטפּל געווען בנבלה... די צרה איז, וואָס טראַגנדיק דעם יעזוס־צלם אויפן האַרצן, וויל וויקטאָר גאַלאַנץ ברוקא אָנגיין אַלס „ציוניסט" און „ייד"; אָט ווי מיר דערווּסן זיך נייט אונז גאַלאַנץ געבן אַ לעקציע (11 אַפּריל): „די צוקונפט פון דזשודאַאיזם"... אויך אין דעם פאַל, ווילן מיר זיך נישט אויסטענה'ן מיט דער סטרא אחרא. ביי אונז איז גאַלאַנץ מיט אַלע זיינע „פּאַלעסטיין"־ביכער נאָך מער טרפה'נער ווי חזיר...! „ספר תורה שכתבו מין ישרף"! (גטין מה), בפרט נאָך, ביכער געשריבן מיט בלוט פון יידיש קינדער...! אַז מיר ווילן אים מיט זיינע גערמאַניש־אַנטיסעמיטישע אייניקלעך גאַרנישט האָבן אין אונזער יידישער מחנה!!! מיר רעדן בלויז צו די פאַרפירטע יידן: הבדלו מתוך העדה הרעה! גרעניצט זיך אָפּ פון דער עבודה־זרה, אויב איר ווילט נאָך בכלל לעבן אויף דער וועלט...!!!

יעצט וועלן מיר זיך באַקענען מיט גאַלאַנצעס חברים און „אחים לדעה", און זען וואוהין עס צילט דער יעזוס־הומאַניזם פון דער גאַלענציאַדע, אלזא:

ווענן דעם בישאָף אָף טשיטשעסטער, דעם אַפּוטרופּוס פון גאַלאַנצעס „סייוו־יוראָפּ" האָב איך שוין פיל געשריבן. איך וויל נאָר צוגעבן, אַז דער אַרטשיבישאָף אָף יאָרק, — וועלכער זאָגט, אַז מען קען זיך אויפן יידישן יושר און צדק נישט פאַרלאָזן, — איז נאָך אַ „צדיק פון סדום" קעגן אָט דעם בישאָף אָף טשיטשעסטער, ד"ר בעל. ער איז אַ גערמאַנער און אַ יידן שונא!

דאָ וועל איך אייך אויסזאָגן אַ „סוד", אַז די רחמנות־קאַמפּיין פאַר דייטשלאַנד האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט „סייוו־יוראָפּ נאַו" יעצט. נאָר זי איז אַ פאָרטזעצונג פון יענע יאָרן, ווען אונזערע יידן האָבן זיך געברענט אין די דייטשישע קאַלך־אויוונס און לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן....

אין „ניו־לידער" פון 22 אויגוסט, 1942, איז אָפּגעדרוקט אַ מאַניפעסט, אַז מען זאָל נישט שטראָפן די דייטשן נאָך דער מלחמה (עפּעס האָט מען דאָן גע'לאָמר'ט, אַז מען וועט שמייסן די דייטשלעך...) ווער מיינט איר האָט דעם מאַניפעסט אונטערגעשריבן? — טאַקע אונזער „ליבער" וויקטאָר גאַלאַנץ, ריטשאַרד סטאָקס (מ.פּ.), עטעל מאַנין, י. ב. פּריסטלי, און נאָך אַ פּאָר הונדערט פּאַציפיסטן. ווענן די דייטשישע רציחות אויף די יידן? — אַ וואָרט נישט דערמאָנט! [שפּעטער האָט גאַלאַנץ אָפּגעדרוקט זיין „לעט מיי פּיפּל נאַו".

ווער זאל ניין ? — די יידן פון די דייטשישע טויט־פאבריקן...? „זיין פיפל", „זיין פאלק",—צו דעם דארף מען האבן א קופערנעם שטערן פון א זונה...!]

ווער די עטעל מאנין, די פאציפיסטישע נאוועליסטין איז, האב איך אויך שוין אמאל געשריבן אין מיין בראשור: „גאסן מענטשן": אין „פיעם ניוס", 14 אויגוסט, 1942, שרייבט עטעל מאנין: „אז די ענגלענדער ווערן באווירקט פון די ליידן פון די יידן אונטער דעם נאצי־רעזשים אפילו פון אויסגעטראכטע און אומגעלומפערטע מעשות. דאקעגן, די פארברעכנס, וואס יידן באגייען איבער אראבער אין פאלעסטינע, פון וואס די האר שטעלט זיך קאפויער, לאזט די ענגלענדער קאלט". און היינט פארט ארום עטעל מאנין איבער דייטשלאנד און דרוקט אין „דיילי־מייל", קלאגן־בריוועלעך איבער די „ארעמע" דייטשן.

וועגן .י ב. פריסטלי, קען איך קיין סך נישט זאגן. איך ווייס נאר איין זאך: אז פונקט, ווי פון אלע פארשטעלטע פאציפיסטן, אזוי האבן מיר פון פריסטלין קיינמאל נישט געלייענט און נישט געהערט קיין פראטעסט קעגן די דייטשישע אכזריותן איבער די יידן, אט פונקט ווי מען הערט נישט קיין איין פאציפיסטישע שטימע, פריסטלים אריינגערעכנט, אין פראטעסט קעגן די אנטיסעמיטן און מאזלים היינט. אבער דערפאר יאמערט פריסטלי מיט זיינע חברים־פאציפיסטן אויף די גערמאנער.

די דאזיקע פאציפיסטישע באוועגונג, נישט צו שטראפן די דייטשן פאר „אויסגעטראכטע" פארברעכנס, פון וועלכער וויקטאר גאלאנץ איז א מיטגליד, איז געווארן אויך אונטערשטיצט אין 1942, אט ווי היינט, פון דעם אנטיסעמיט, דעם דיוק אף בעדפארד, און פון פיל אנדערע טויזנטער שונאי ישראל, מאזליסטן, וועלכע האבן זיך באהאלטן אונטער דעם מאנטל פון „קאנשיענשעס אבזשעקטארס" און נישט געוואלט שלאגן דעם דייטש. איך זאג עס מיט מיין פולער פאראנטווארטלעכקייט. מיט פיל פון די דאזיקע פאציפיסטן האב איך דאן דיסקוטירט, און זיי האבן מיר אפן ערקלערט, אז זיי האבן פיינט יידן. ליידער, צו אונזער בארויערן האבן פיל פון די דאזיקע שונאי ישראל געהאט יידישע ווייבער אדער יידישע באבעס...

יעצט קומען מיר צום הויפט־העלד, צום מ.פ. לייבאר־מעמבער, ריטשארד סטאקס. ווער איז ער, אט דער איניציאטאר פון מאניפעסט אין 1942, און די „צווייטע העלפט" פון גאלאנצן אין „סייוו־יוראפ", וואס צוזאמען ארגאניזירן זיי מיטינגען, וועלכע זיינען האלב אויסגעפילט מיט דייטשישע „פריזאנערס". און ארבעטן מעשים פאר די דייטשן. (איינציגע פון זייערע מיטינגען האב איך באזוכט) — אלזא, ווער איז ער אט דער קאטאליק, דער דירעקטאר פון שטאל־פאבריקן, ר. ר. סטאקס? — עס וועט גענוג זיין בלויז דער איינציקער פאקט:

אין „ניוס־קראניקל" (23 דעצ. 47) קריטיקירט קאמינגס דעם ריטשארד סטאקס פאר אפדרוקן א בריוו אין „טיימס", וואו סטאקס שרייבט, אז כדי צו געווינען די יידישע שטימען גייט אמעריקע באנוצן איר קאפיטאל אויפצושטעלן א קאמוניזם אין מיטל־מזרח—ארץ־ישראל... ביי קאמינגס הייסט סטאקס „עפעס א מאדנער מענטש". ביי אונז אבער, איז ריטשארד סטאקס



באוואוסט פאר א פארביסענעם שונא ישראל און יידן פיינד! ווער די איבעריקע זיינען קען מען זיך שוין אנשטויסן....

און די דאזיקע צער בעלי „חיה'שע פאציפיסטן" שרייען אין זייער 1942־מאניפעסט, „קאראאול" קעגן „ריישל־הייטרער"; אז מען זאל נישט פרעדיקן קיין ראסן־האס צו די... דייטשן. אט דאס הייסט א ציניזם פון ר ש ע י ם! אליין שפריצן זיי מיט גאל און גיפט אויף די יידן, און פון אונז פאדערן זיי צו קושן און ליבן די מערדער פון אונזערע משפחות...! זיי אליין קענען אונז „ניט" פארגעבן דעם טויט פון 1 ווילד־פרעמדן ייד (יעזוס) צו זיי, א מעשה פון 2 טויזנט יאר, — און פון אונז פארלאנגען זיי, אז מיר זאלן פארגעסן א שחיטה פון 7-6 מיליאן יידן; א שחיטה פון אייגענע טאטעס און מאמעס, ברידער און שוועסטער, און מוחל זיין די דייטשישע, בעסטיאלישע קינדער־רוצחים...?! — דאס הייסט אן היפאקריטסטווא פון ערגסטן סארט...!

דאכט זיך גענוג קלאר און בולט זיינען די פרצופים פון די בלומרשטע הומאניסטן. עס איז א נאבעלע און נעטע געזעלשאפט פון ריינע גערמאנער־פריינט און שונאים פון יידן! עס איז איבעריק צו אויפווייזן, אז זייער גאנצער געפילדער מיט „סייוו יוראפ נאו" און „הונגעריקע דייטשן" איז מער נישט ווי א מאנעוור און א מאסקע צו פארדעקן זייערע אמתע כונות און מעשים. ווארום אויף צו שפייזן די דייטשן דארף מען דאך „זיי" נישט האבן. דאס טוט שוין די רעגירונג איבערגענוג.

האט דאך מר. בעווין אליין ערקלערט אין פארלאמענט, אז אין דעם קריזיס אין לאנד, איז אין א גרויסער מאס גורם דאס וואס די רעגירונג האט געבארגט דאלארן און אפגעשפארט דעם ביסן ברויט פון מויל און געשיקט דייטשלאנד (ד.ה. 19 דעצ. 47). באזונדערס, איז א באוואוסטע זאך, אז א חוץ אין רוהר־געביט איז נאך אין דייטשלאנד פאראן צום עסן אט ווי אין ענגלאנד... און די דייטשלעך האבן נאך אזוי פיל באהאלטענע אוצרות, אנגערויבט ביי די יידישע קרבנות, אז עס וועט זיי סטייען אויף יארן צו צאלן די גרעסטע פרייזן פאר עסנווארג אויפן שווארצן מארק... אין די געגנטן וואו עס פעלט אוים שפייז, איז עס מחמת די דייטשן אליין סאבאטירן דעם צופיר פון עסנווארג־פראדוקטן (נ.ק. 6 פעב. 48).

דער ציל פון די רחמנות־קאמפיינער פאר די דייטשן פון סטאקס און גאלאנצעס חדר איז נאטירלעך גאר אן אנדערער און א ווייטערער. אן אנצוהערעניש אויף דעם גיט אונז סטאקס אין זיינער א רעדע אין פארלאמענט, אז דערפאר וועלן די ענגלישע ארבעטער דארפן הונגערן, ווייל רוסלאנד האט צוגענומען אסט־פרייסן (ד.ע. 11 אקט. 1945). און סטאקס און גאלאנץ ליארעמען צוזאמען, מען זאל ,חלילה, נישט מאנען ביי דייטשלאנד קיין מלחמה־ענטשעדיקונג; ווייל די רעפעראציעס וועלן רואינירן דייטשלאנד (ד.ה. 23 נאוו. 46). און מען זאל למען השם נישט צעליגן די דייטשישע פאבריקן („טיימס" דעצ. 47); די דייטשישע פאבריקן וואס האבן פראדוצירט גאז־אויוונס און „יידישן זייף"... די דייטשן, זאגן זיי, קענען זיך אויפרעגן און

ווערן נאַצים. [אַוואַ... נאַצים... די דייטשלאַך זיינען געווען נאַצים, מערדער, רויבער, ראַזבאַיניקעס, דוקא דאַן ווען זיי האָבן געהאַט געגוג צו פרעסן...]

דער ציל פון גאַלאַנץ־סטאַקס רחמנות־קאַמפּיין (נאַטירלעך, ווען מען רעדט וועגן הונגעריקע און באָרועסע דייטשע פרויען און קינדער... ווירקט בעסער. עס רירט...) איז צוריק אויפבויען אַ גרויסע דייטשלאַנד מיט אַסטפּרייסן איינגעשלאָסן. ווי אַמאָל. אָט ווי מיר האָבן עס געהערט פון גאַלאַנצעס ראַדיאָ־אַפּיל (30 יאַנואַר 48): אויפצושטעלן דאָס רייטשנטום, מיט אַ דייטשער רעגירונג און מיט דייטשישער „פרייהייט און גערעכטיקייט". די שונאי ישראל שרעקן זיך, אַז אָן אַ שטאַרקער דייטשלאַנד קען דער אַנטיסעמיטיזם קראַפּירן.

* מילא, אַז רשעים און אַנטיסעמיטן ווילן צוריק אויפבויען דער ארץ־הדמים דייטשלאַנד, איז עס נאָך באַגרייפלעך, און מיר קענען צו זיי קיין טענות נישט האָבן. די איינציקע זאַך וואָס מיר קענען טאָן איז צו דעמאַסקירן זייערע אַנטיסעמיטישע כוונות און מעשים. אָבער ווי קומט אַ יידל גאַלאַנץ, וואָס וויל ברוקא אָנגיין אַלס „נביא" און „ציוניסט", צו שטעלן זיך בראש פון אַן אַנטיסעמיטישער באַוועגונג...?

דער תירוץ איז, אַז גאַלאַנץ איז אַ גלגול פון די דייטשישע יהודים, און דעם וואָלף ציט שטענדיק צוריק אין וואַלד. און... דערפאַר האָט ער יעצט חתונה געמאַכט איינע פון זיינע 5 טעכטער מיט אַ סאַמאַראָדנעם דייטשישן פרינץ און האָט פאַרשטאַרקט זיין בלוט־בונד מיט דער גערמאַנישער ראַסע... און דער זשידלאַק וויל נאָך אונז איינרעדן, אַז ער איז אַ הומאַניסט, וואָס פרעדיקט: „ליב דיין שונא". אַז וואָס פאַרא שונאים זיינען אים די דייטשן? זיי זיינען דאָך זיין בלוט און פלייש... זיינע מחותנים און משפחה...

יעצט איז שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס גאַלאַנץ, דער שווער פון דייטשן פרינץ־איידעם ליגט אַזוי איין וועלטן ריינצוואַשן זיין גערמאַנישע ראַסע. ווייל ווי וואָלט עס געפּאַסט פאַר אים מען זאָל זאָגן, אַז ער האָט זיך משדך געווען מיט אַ ראַסע פון רוצחים....? און דאָ האָט ער נאָך 4 טעכטער חתונה צו מאַכן... לויפט טאַקע דער זשידלאַק צו משערטשלען און אַגיטירט פאַר אַ

* פון דער צייט פון שרייבן און אויסזעצן דעם אַרטיקל ביזן אָפּדרוקן אים, איז אַריינגעטרעטן אַ גרויסע ענדערונג אין דעם פּאָליטישן וועלט־מצב. יעצט „זעען" שוין אַלע „נביאים" [און זאָגן אונז נאָך] אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן הומאַניזם. אין דעם גערעדיי אַרום דייטשלאַנד אָט האָט דער ענגלישער ראַדיאָ (14 מערץ), אַליין מודה געווען, אַז די שפּיון אין דייטשלאַנד, איז הינגם בעסער מיט גאַנצע פּופּציג פּראָצענט, ווי עס איז געווען פאַראַיאָרן... און פון גאַלאַנצעס „ספּיטש" אין ראַדיאָ (21 מערץ) פאַר „יונייטעד יוראָפּ". זעט מען קלאָר, אַז די גאַלאַנציסטן ווילן צוריק אויפשטעלן דאָס גערמאַנערטום... דאָס האָזיקע, האָט געשאַפן אַ פּאַניק צווישן די יידן אין די קעמפּס, און לויט די לעצטע ידיעות, ווילן די יידן וואָס גיכער אַנטלויפן פון עמק הבכה, וואו נאָר די אויגן וועלן זיי טראָגן... פיל האָבן זיך פאַרשריבן צו פאָרן קיין אַמעריקע... עס דאַרף זיין יעצט אונזער איינציקע אויפגאַבע אַרויסצוראַטעווען די יידן פון די קעמפּס, און גייען זאָלן זיי וואו מען קען נאָר. איך הער אַז דער אַמעריקאַנער „האַיאַס" אַרבעט אין דער ריכטונג... — ראַטעוועט די יידן פון פולווער־פאַס כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט...!!!



„יונייטעד יוראָפּ"; אַרבעט מיט מיט אַנטיסעמיטישע גלחים; פירט אָן מיט דער חברה שונאי ישראל פון סטאַקס חדר; מיט אַלעמען, מיטן טייוול אַליין איז ער באַרייט צו אַרבעטן אַבי ריינצוואַשן זיינע גערמאַנישע מחותנים פון זייערע פאַרברעכנס.....

און די חוצפה פון צער בעלי „חיה'שן הומאַניסט" איז אַזוי גרויס, אַז ער וואָגט נאָך צו קומען צו אונז יידן און אויספּרעסן מיט געוואַלד פון אונז אַ מחילה און פאַרגעבונג פאַר די דייטשלעך! טאַקע מהאי טעמא, ווייל די גוים האָבן דאָך נישט וואָס צו מוחל זיין די דייטשלעך. די גוים האָבן זיך דאָך נישט געפּרעגלט אין די דייטשישע קאַלך־אויוונס, אַלס פאָלק, ווי מיר יידן! האָט דאָך דער „גוטער דייטש", פּאַסטאָר נעמילער אַליין מודה געווען, אין נירעמבערג (אַפּריל 1946), אַז די קריסטלעכע קירכע און דאָס גאַנצע דייטשישע נאַציאָן איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן יידן. דאָס זעלבע זאָגט דער „גוטער דייטש", קורט שומאַכער: — נאָר אין די פאַרברעכנס קעגן יידן טראָגט דאָס דייטשישע פאָלק גלייכע שולד מיט די נאַצים (איט"אַ נאָוו. 1947)... די גוים האָבן געמאַכט זייער רעכענונג מיט די דייטשלעך פאַר זייערע קרבנות און אויפגענומען פון זיי כפל כפלים... עס זיינען מער נישט פאַרבליבן מיר יידן מיט אונזער בראָך...

[די ביטערע איראָניע איז, וואָס דייטשן אַליין זאָגן, אַז דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק איז שולדיג, און יידן שרייען נישט שולדיג... און ווילן פאַרגעסן און פאַרגעבן די גערמאַנער זייערע רציחות...! אויב אַזוי טאָ צו וואָס טומלט מען אַזוי מיט „6 מיליאָן", מיט מאָנומענטן, און „יער יזכור"...?!]

וויל טאַקע די סטרא אחרא, גאַלאַנץ, אַז מיר זאָלן פאַרראַטן און שענדן אונזערע מיליאָנען מאַרטירער. אַז מיר זאָלן דערשטיקט ווערן אין אונזער צער און צאָרן און מוחל זיין זיינע רוצחישע מחותנים, די גערמאַנער... און דערפאַר האָט זיך גאַלאַנץ געלאָזט באַלוינען, מיט אַרויסשטעלן זיין נאָמען אַלס קאַנדידאַט־מיניסטער פון דער צוקונפטיקער „דויטשעם רייך"־רעגירונג... („זאַלצבורגער נאַכריכטן" צייטונג, צוגעשיקט צו מיר פון אַ פריינט אין די קעמפּס).

שטעלט זיך יעצט די האַרבע שאלה, — פאַרוואָס שטיצן נאַציאָנאַלע יידן דעם בונד גאַלאַנץ? פאַרוואָס דערלאָזן רבנים, אַז אַ יעזוס־יידל, זאָל אָנמאַכן אַ חורבן אין יידישן לעבן?! פאַרוואָס דערלויבט מען צו שענדן די יידישע הרוגים און פאָלק!? פאַרוואָס שטיצן יידן אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען און שונאי ישראל?! פאַרוואָס טוען זיי עס?!

ענטפערן ציוניסטן — לויט אַ גביית עדות פון הרב יהושע שפּעטמאַן, וואָס האָט פּראָטעסטירט אין גרייט ראַסל סטריט — אַז זיי האָבן גרויסע הילף פון גאַלאַנצן. זאָגט דער מזרחי, אַז ער האָט נישט קיין איינפלוס אויף זיין יוגנט, וועלכע פאַרשפרייט גאַלאַנצעס ביכער. — דאָס גראַד איז אַ פוילער תירוץ. אויב דער מזרחי האָט ניט קיין איינפלוס אויף זיין איינענער יוגנט, טאָ ווי פּרעטענדירט דער מזרחי צו האָבן אַן איינפלוס אויף די פרייע ציוניסטן און אויף דער יידישער מלוכה...? אַ בעסערן ענטפער האָט מיר געגעבן

א מזרחיסטישער פארלעגער: וואס, זאגט ער, איר ווילט מיר זאלן נישט פארקויפן גאלאנצעס ביכער. מיר האבן דאך אן איינקונפט פון פארקויף, עס איז דאך ביזנעס... און די זעלבע „פראפיטן" האבן אלע גאלאנצעס אגענטן...

און וואס זאגן אונזערע „בלי־קודש"? — וואס זאלן זיי זאגן „נעבעך"...? איז עס דען סתם א מצוה וואס עס איז לייבט צו פרעדיקן...? דאס איז דאך פארבונדן מיט קידוש־השם, מיט ד מ י ם (תרתי משמע), טא ווי קען מען...?

מען מוז צוגעבן, אז גאלאנץ איז זייער א ראפינירטער סוחר און א ביטרער מיסיאנער. ער נארט אריין אלעמען אין זיין נעץ. עס לוינט זיך אים צו צאלן גרויסע געלדער. אט למשל, צאלט גאלאנץ אן אגענץ־פירער, די גאנצע הונדערט פראצענט איינקונפט פאר זיין בוך... און אזוי ארום כשרט מען זיין טרפה'נעם נאמען. יידן לויפן צו גאלאנצן דרוקן ביכער. זיין קאפיטאל וואקסט. און מיטן זעלבן געלט האט גאלאנץ צו דעקן זיינע רייזעס קיין דייטשלאנד, יידיש געלט שטיצט די רחמנות־קאמפאניע פון די שונאי־ישראל פארן רוצחישן דייטשלאנד...!!! און נישט נאר געלט, גאלאנץ טיילט אויך רבנות־שטעלעס. זיין עבד, דער נעוו. ציוניסט „רעב" ד"ר מייבוים איז געווארן אויסגעוויילט אלס מיניסטער אין א רעפארם שוהל אין עדזשווער־דוויד. טאקע די שוהל, פון וואנען גאלאנץ פירט אן זיינע יעזואיטישע שטיק... (ד.ק. 6 סעפ. 48)

פרעגט אהרן צייטלין מיט גרויס פארביטערונג: אז מען דארף זיך אזוי בעטן ביי יידן אפצוגרעניצן זיך פון די גאלאנצעס. טא וואס קומט בכלל פאר, אין דעם ענגלאנד? — זיינען דארט די גאלאנצעס מאשקעס ביי די גויים און די יידן מאשקעס ביי די גאלאנצעס? („מארגען־זשורנאל" 11 יולי 1947).

יא, פריינט אהרן צייטלין, נאך ערגער ווי דאס. אמאליקע מאשקעס האבן פארקויפט נאר זייערע אייגענע גופים און נשמות. די היינטיקע מאשקעס פארקויפן פאר געלט דעם זכר פון מיליאנען הרוגים און טייכן בלוט און טרערן. מען פארקויפט אויך דאס גאנצע יידישע פאלק פאר אייגענע און פארטייאישע אמביציעס און פראפיטן....

יא, אונזער שארית־הפליטה דור איז א ירידה דור... ער האט נישט דערהערט דעם רוף פון בלוט פון זיינע ברידער... און נישט גענומען קיין נקמה... דער 18 יאנואר 1948, ווען די יידיש־נאציאנאלע „באארד אף דעפוטיס" האט פארווארפן דעם פארשלאג פון שלייכאוויטש צו באיקאטירן די יידלעך וואס האנדלען מיט דייטשלאנד, — וועט אריינגיין אלס שאנד־פלעק אין דער יידישער געשיכטע...!!!

היינט, און דוקא היינט איז גילטיק דער דין פון „מחיית עמלק" מער פון אלע צייטן! נישט אקטועל איז עס פאר די וואס ווילן לעבן א הינטיש־היפאקריטישן און גרינגזן לעבן! פאר עובר זיין אויף „מחיית עמלק" קומט אפשר נישט קיין סקילה און כרת ווי פאר שבת, מקוה א.א. אבער פאר נישט היטן „מחיית־עמלק" ווערן שבת־יידן און 3 מיליאן יידישע קינדער צעשאכטן און פארברענט! און וואס פאר א תיקון האט דער שבת און די גאנצע תורה דארט, וואו דער דייטשישער עמלק האט געמאכט צו ערד און אש אונזערע יידן..?!



פאר וועמענס זינד...? — עס איז פאר די זינד פון די „רייני ישראל" ווי מייבוים קאהן א.א., וועלכע בארעכטיקן די דייטשישע שחיטות אויף מיליאנען יידישע קינדער און שבת־יידן, און אונזערע בלי־קודש און פירער שווייגן...!

מ'קען זיין אין ארץ ישראל און, חלילה, אונטערגיין, אויב מען האט נישט אזעלכע פירער ווי מתתיהו ובניו...! און מען קען זיין אין גלות, און דאך געראטעוועט ווערן פון די המן'ס אויב מען האט יא אזעלכע פירער ווי מרדכי און אסתר, וועלכע האבן מקיים געווען די מצוה פון מחיית עמלק מיט כוונה...!

איינע פון די 3 מצות, וואס יידן זיינען פארזאגט געווארן בעתן אריינקומען אין ארץ ישראל איז געווען „מחיית עמלק" (סנהדרין כ). און שאול, דער ערשטער יידישער מלך, האט פארלארן זיין כסא-המלוכה פאר נישט האלטן דעם פארזאג פון „מחיית עמלק"... זיין פלאץ האט פארנומען דוד המלך, וועלכער האט ווי א „דוב שכול" געריסן שטיקער פון די עמלקים...!

עמלק איז שטענדיק (מדור דור). דער עמלק פון אונזער דור איז דייטשלאנד! און עס איז זיכער אז קיין 10 „צדיקים" האבן זיך נישט געפונען אין דעם סדום־דייטשלאנד! ווייל וואלטן זיך יא געפונען 10 אמתע ערלעכע מענטשן, וואלט סדום קיין סדום נישט געווארן...! און דייטשלאנד, וואלט קיין ארץ הדמים נישט געווען...! אויב עס זיינען דא 2 „גוטע דייטשן", — איז איינער, פאסטאר נעמילערס נאמען געפונען געווארן אויף דער ליסטע פון דער נאצי־פארטיי, אלס מיטגליד...! און שומאכער? — יא, גוטע דייטשן זיינען די, וועלכע היטלער האט טויט געמאכט...!

אויב אברהם האט געבעטן פאר סדום, איז עס מחמת, ווייל זיינע קינדער האבן נאך דאן נישט געשפירט דעם טעם פון סדום... און אברהם אליין איז אויך ארויסגעקומען א לעבעדיקער פון נמרוד'ס קאלך־אויון... סדום האט נאך דאן נישט געהאט קיין קרעמאטאריום'ס... און דאך האט גאט נישט געהערט אברהם'ן און איבערגעקערט סדום, ווייל זי האט נישט געהאט אפילו קיין 10 גוטע, ערלעכע מענטשן...!

היינט, ווי קען מען טענות האבן צו גאט, פארוואס ער זעט און שווייגט? מער גרעסערע טענות איז צו די מענטשן, וואס ברענגען זיך אין די עמלקישע קאלך־אויוונס און פארגעסן און פארגעבן...! מיר בעטן נאך פאר סדום...!

ווי קען מען טענות האבן צו גאט, — אז יידן אליין האנדלען מיט די דייטשן און קויפן ביי זיי אפ די זאכן און גאלדענע ציין פון די קרבנות... און גיבן נישט איבער די מערדער צו גערעכטיקייט?!!!

פארגעבן די נערמאנער...?! — איך האב דא אנומלט געלייענט ווי א ענגלישע מוטער האט מיטגעגעבן א מחילה־בריוועלע אין קבר פון איר זון'ס חבר־מערדער (אומגליק־מארד...). דער מוטערס מחילה, האט אבער נישט געקענט ראטעווען איר זונ'ס חבר-מערדער פון שטריק... דאס געזעץ, אפילו דאס ענגלישע, זאגט, האסט נע'הרג'ט, טא, הענג! בפרט נאך אזעלכע קינדער־רוצחים ווי די דייטשן! קען דא העלפן מחילה?! און ווער האט דאס רעכט דערצו?! איבעריגנס, צו זאגן עפעס וועגן די אומגעקומענע האבן דאס איינ־

ציקע רעכט. נאָר די יורשים און די גואלי־הדם ! ! ! אָבער ניט די גאַלאַנציסטן וועלכע האָבן גאָרנישט געליטן פון די דייטשלעך ! ! !

דערפאַר אויב אַ זשירלאַק באַפאַלט די „הומאַניטאַרע חולאת“, זאָל ער פאַרמאַכן די אויגן און זיך פאָרשטעלן, ווי זיינע קינדער, טאַטע־מאַמע, פרוי און גאַנצע משפחה ווערן צעשאָסן און צעריסן, געברענט און גע'סמ'ט, באַגראָבן לעבעדיקערהייט און זייער בלוט רינט איבער אַלע גאַסן... וועט ער אפשר געהיילט ווערן פון דער „דייטשער־קרענק“... אין בעסטן פאַל זאָל ער אַריינלעגן אַ מחילה־בריוועלע אין גרוב פון אַ דייטשישן געהאַנגענעם... אָבער נאָר אין נאָמען פון זיינע אייגענע משפחה הרוגים... אָבער אַרויסקומען אין נאָמען פון 6 מיליאָן הרוגים צו פאַרגעבן די דייטשע רוצחים — זאָלן עס זיין אגודיסטן, מזרחיסטן, ציוניסטן, בונדיסטן א.א.וו. טאָ זאָגן מיר צו זיי: שטומען זאָלן זיי, די חופּאַקריטן ! די אכזרים ! שטומען ! ! !

חרם־קללה מוז קומען אויף דייטשלאַנד און דייטשן ! דאָס בלוט פון די קדושים איז מקטרוג... און מאָנט פון אונז נקמה צו נעמען אָן זייערע רוצחים !

י. ה. לעווי

## אין גאַליציע כבין געבוירן

(געווידמעט דעם נייעם פוילן)

אין גאַליציע כבין געבוירן,
אין אַ לאַנד וואו סהאָט געגרויט. —
אונטער קירעס־פעסטונג־מוירן,
נאָר דער עלנט מיט דער נויט....
ייד געאַקערט אויף מזונות
האָט מיט שווערער מי און פיין,
דאָך זיין לומדות און גאונות,
האָט געשמט אין וועלט אריין....

פּויער האָט געלעבט אין שפלות,
שאַפנדיק פון פרי ביז שפּעט, —
זיך געמאַדליעט אין די תפלות
פרוי און קינד געקאַטאָוועט....
פריץ איז געווען אַ זאַטער,
און קיין יושר ניט געקענט....
נאָר געשיקט דעם סעקוויסטראַטאָר
פּויערס לעצטע קו פאַרפענדט....



און דעם פּאָלק פאַרבלענדט די אויגן
פון דעם לאַנד די מאַרך און קראַפט. —
האָט דער קייסער אויסגעזויגן
מיט די קוילן, זאַלץ און נאַפט....
אים דערפאַר געלאָזן שטעלן
תפיסות, שענקען און טראַפיק, —
מיט שפּיטעלער און באָרדעלן,
צו פאַרלייכטערן זיין גליק....

און זיין באַטקע האָט פאַרלאָזן,
טיף אין בריד געשמאַכט דער גוי,
סהאָט דער ווינט אַריינגעבלאָזן
ביז פון הונגער שווערן לאַנגן,
אויף זיין דאַרן שעניק שטרוי.
עלנט ווי אַ גאַסנהונט, —
איז פון שווינדזוכט אויסגעגאַנגען
אים זיין אָרעם ווייב און סקינד.

איז אַרוים ווער פון דער גסיסה,
ראַטווענדיק זיין לייב און זעל, —
האָט אויף אים געוואַרט די תפיסה,
די קאַסערן און סבאָרדעל....
און דער ייד מיט שמאַטעס ביינער,
האָט זיין „האַנדעלע“ געפירט,
און געציטערט מיט די ציינער,
ווען ער האָט אַ הונט דערשפּירט....

חסיד האָט געלערנט תורה,
קרעטשמע האָט דאָס ווייב געפירט,
און זיין טאָכטער האָט פון מורא
מיטן פריץ ראָמאַנסירט....
נאָר דעם פראָסטן יינג געריסן
האָט צום לעבן פריי און גליק, —
האָט ער אָפּט אָוועקגעשמיסן
שטאָלץ די אַרבעט אין פאַבריק....

און געלאָזן זיך מאַרשירן
פליכנדיק דעם קייסערס טראָן,
מוטיק אויף צו דעמאָנסטרירן....
מיט געזאַנג און רויטער פאָן....
גייענדיק ווי בגילופין,

האָט דער בחור ווי א קלוג, —
פונעם לערנען אויסגעשליפן
זיך אויף פויליש שאַרף די צונג.....

יינגלעך, מיידלעך, פרום נגידיש,
האָבן גערן אויפגעפרישט, —
זיך ביי געטהע'ן, שילער, ס'יידיש
זייערס, און פאַרדייטשמערישט.....
כאָטש דער גלח פונעם שטעטל
האָט צום רב נישט גאָר געהאַט
האָט מען אָפט פאַרכאַפּט א מיידל
אין א קלויסטער אָפּגעשמדט.....

האָט א חנא זיך געטראָפן,
האָט דער גוי מיט אַקאַוויט, —
ווי א חזיר זיך באַזאָפן,
אויסגעלאָזט זיין כעס צום ייד.....
נאָכן ערשטן קריג איז „האַלער"
מיט א באַנדע אויפמאַרשירט, —
פוילנס פרייקייט האָט דער שאַלער,
באַלד מיט יידיש בלוט באַשמירט.....

סהאָט פילסודצקי, די „ענדעקעס",
בעק, רידז סמיגלי אָן דער שפּיץ, —
צו דעם „האַקנקרייץ" מיט טשוועקעס
צוגענאָגלט פוילנס זיץ.....
אין גאַליציע כבין געבוירן,
אין א לאַנד וואו סהאָט געגרויט, —
אונטער קירעס פּעסטונג־מוירן,
טיף דער עלנט, מיט דער נויט.....

„דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראַם"
די נייע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב
צו באַקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פּרייז 5/6 —
ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.



### נ. מ. סידאָ

## פאַר דער טיר וואָס האַלט ביים צופאַלן
## לעאָ קעניג דער שרייבער און מענטש

אויך אן עכטער קינסטלער קען אַמאָל האָבן געווען א גוטער, געזונטער, אויפריכטיקער און יונגער מענטש. א מענטש, וואָס איז פול מיט לעבנספרייד, פול מיט באוואונדערונג, פול מיט אינטערעס און פול מיט שטוינען. א יונגער, געזונטער און אויפריכטיקער מענטש, מיט אן אָפן האַרץ און אָפענע אויגן, ביי וועמען מאָראַל און פריינטלעכקייט און מענטשן־ליבע זענען אן אָרגאַנישער טייל פון אים. א טייל וואָס איז אזוי אָרגאַניש, אז ער איז דאַרויף אָפט נישט באַוואוסט. אזא מענטש שטעלט זיך קיין סך נישט אָפּ אויף די פּראָבלעמען פון עטיק און עסטעטיק, פּונקט ווי ער גיט נישט אָפּ קיין סך צייט אויף צו באַטראַכטן די טעכניק פון זיין אייגענעם גייען. ער ווערט, נאָר, אָפט פאַרכאַפּט פון א זייטיקן שטראַל, וואָס צעפּאַלט זיך אין א קרומער ליניע אויפן בלויען ים, פון א דינעם, צאַרטן שטריך, וואָס רייסט זיך אַרויך, אין פאַרב, אַרער וואָרט, פון צווישן די קאַלטע, שווערע און גרויע בערג, בערגלעך און מוילוואורף־הויפנס פון ערד און שטויב, וואָס זענען אזוי נודנע און אייגטאָניק אָנגעזאַמלט אין די מרה־שחורה'דיקע שפּייכלערס און גרילצנדיקע מערק פון קולטור און קונסט.

אזוי האָט לעאָ קעניג געמוזט אָנהויבן זיין אייגענעם גאַנג אויף דעם וועג צו זיין באַזונדערן פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער ווען א געזונטער, גוטער, אויפריכטיקער און יונגער קינסטלער דערזעט פּלוצים ווי סוחרים טאַפּן אים מיט די פעטע, שווייסיקע און ברודנע הענט עפּעס וואָס זעט אים אויס צו זיין אזוי נאָנט און באַקאַנט..... און פון דער אַנדערער זייט אזוי אָפּשטויסנדיק אין דעם ברודיקן שליים, אין וועלכן „די ראַזיקע סחורה" איז איינגעהילט, דרייט ער זיך אַוועק און ער וויל אַנטלויפן. נאָר וואָס ווייטער ער לויפט אַלץ מער דערמאָנט ער זיך און אַלץ קלאָרער ווערט עס אים, אז דאָרט האָט מען זיך אַרומגעשפּילט און אויסגעטאַפּט, געהאַנדלט און פאַרשאַכערט דעם טייערסטן פאַרמעגן זיינעם, דאָס טיפסטע, דאָס איידעלסטע און מיינסט געשעצטע אין מענטשן; דאָס האַרץ, די נשמה, דעם לעבעדיקן אָטעם, די מענטשלעכע מאָראַל, די מענטשלעכע עטיק און עסטעטיק; מענטשלעכקייט און מענטשן־ליבע.....

ער מוז צוריק לויפן, און אז ער געפינט אָט דאָס צע'גנב'עטע פאַרמעגן זיך וואַלגערן צווישן בערג מיט שרייענדיקע שמאַטעס און גלאַנצנדיקע טשוועקעס וויל ער מאַכן א נעוואַלט. נאָר דאָס קול ווערט אים דערשטיקט אין האַלדז, און דער ווייז־פינגער בלייבט אים הענגען פאַרשטאַרט. אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג פון די אָקאַרשט אזוי איינפאַכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע ווערטן, די גייסטיקע ווערטן פון פּשוטער אָנשטענדיקייט, פון

געווינטלעכער פריינטלעכקייט פון איינפאכער מאראל און מענטשן־ליבע, וואס זענען געווען אזוי נאנט און טיף איינגעבאקן אין הארצן, ווייל זיי זענען אזוי לאנג אין דער טיפעניש פון דער נשמה אויסגעכאוועט געווארן. . . .

אין א סך פון לעא קעניגס שריפטן קען מען אים זען מיט דעם וויזפינגער אויף אט די אויבן דערמאנטע גייסטיקע ווערטן, מיט וועלכע ער לעבט און אטעמט, און וועלכע זענען אזוי אוממיטלבאר און אזוי ארגאניש פארבונדן מיט דעם גאנצן וועזן זיינעם. ווי דאס איז זעלטן צו טרעפן אפילו ביי א סך גאנץ הויכע קולטור־מענטשן, דיכטער און דענקער (כאטש אין אן אמת איז בלויז אט די ארגאנישע פארבינדונג פון מאראל מיט דעם גאנצן מענטשלעכן וועזן, דאס וואס ס'קען אנרופן עכטע קולטור). אבער זיין קול, ווי שוין געזאגט, איז אפט, אפשר צוליב צופיל אינערלעכער אויפרעגונג, ווי דערשטיקט אין האלדז. ווי מ'פילט דאס אמאל אין א בייזן חלום. .

לעא קעניג איז באקאנט אלס דער עסטעט אין דער יידישער ליטעראטור.

איידער מ'פאסט אבער אן א מלבוש מוז מען אים פריער פארזיכטיק באטראכטן. דער באגריף עסטעט איז צום באדויערן זער דעגענערירט און פארשוועכט געווארן, (מיר ווייסן אז ווערטער האבן א געשיכטע, א יחוס, אז זיי אנטוויקלען זיך און אז זיי קענען אויך, פונקט ווי מענטשלעכע יחידים, פעלקער און קולטורן, דעגענערירן און באדייטן דעם קעגנזאץ פון דעם וואס זיי האבן לכתחילה מיט זיך פארגעשטעלט) די באצייכנונג „עסטעט" האט אנגעהויבן אסאציאירט ווערן מיט א צעקראכענעם, שוואכלעכן און בלוטארימען אינטעליגענט, מיט א קליינלעכן פעדאנט און א פחדניש מענטשל, וואס שפילט זיך מיט ליידיקע באגריפן, האט מורא פאר א קרעפטיק ווארט, שרעקט זיך פאר א דרייסט בילד, באהאלט זיך פון יעדן געוואגטן געדאנק און שטארקן אויסדרוק פון געפיל. אסקאר ווײלד איז דאס טיפישע בילד פון אזא מין ליידיקן און פלאכן עסטעט. און שטענדיק פארדעקט אט דער פארשוועכטער עסטעטיציזם א קליינלעך, היפאקריטיש און טמא נפשל.

לעא קעניג האט נישט מורא פאר דעם דערבן אמת, פאר דעם אויפריכטיקן געזונט בילד פון דער רויקייט פון לעבן און פון דעם רויעם לעבן (דערפאר האט אים ווייסנבערג אזוי ליב געהאט), ער שרעקט זיך נישט פאר דער שארף פון א שניידיקן געדאנק, פאר דער קראפט פון אן אמת און שטארק געפיל. ער האט פיינט דאס לאקריצדיקע און צבוע'הישע, ס'עקלט אים און ס'איבלט אים פון די זיסלעכע ליגנס און בוימלדיקע דרשות. און דאך איז קעניג אן עסטעט אינם פולן זין פונם ווארט, ווייל ער קען זיך באגייסטערן, ער קאן ליב האבן מיט דעם גאנצן כח פון אן עכטן קינסטלער די שענקייט פון א געזונטער אויפריכטיקער מאראל, וואס איז אין איר אפגיי דער ריינסטער און מעכטיקסטער אויסדרוק פון עסטעטיק. דערפאר האט לעא קעניג אזוי ליב טאלסטאי'ן, באוואונדערט אזוי מענדעלען און האלט אזוי פיל פון ל. שאפירא. לעא קעניג, דער עסטעט, דער ערשטער צו אנטדעקן שאגאלן, האט אבער קיינמאל נישט געקענט ליידן קיין ליידיקע פארמען און נישט



געקענט פארטראגן בלויז קיין הוילע ראפאנירטע טעכניק. ער האט שטענדיק געזען די גאנצע קינסטלערישע פיינקייט פון א פארם אין איר הארמאנישער פארבינדונג מיט א טיפן און עכטן אינהאלט, מיט אויפריכטיקע פולבלוטיקע געפילן און מיט א דרייסטן געדאנק. אויב לעא קעניג האט פון דעם שטאנדפונקט פון היסטארישן מאטעריאליזם זיך אפט געפלאנטערט, האט אים אבער זיין אפענער, דרייסטער און קריטישער צוגאנג צו זאכן קיינמאל נישט געלאזט ארײנפאלן אין די רייען פון די קאלטע, געפיללאזע און פארפרעמדעטע, אינטעליגענטע און האלב־אינטעליגענטע „מה'יפת'ניקעס", וועלכע גייען צו מיט א „גרינג לעבערל" צו דער שוידערלעכסטער טראגעדיע פונם יידישן פאלק און צו דעם פארצווייפלטן קאמף פון די אונטערדריקטע מענטשן. מ'מוז דערפאר שארף אונטערשטרייכן דעם גייסטיקן תהום וואס ליגט צווישן לעא קעניג און צווישן יענע ביליקע עסטעטן, מיט די וואנסעלעך און שרינטלעך, אדער מיט די לאנגע האר און ברייטע קאפעליושלעך, וואס האלטן מיט די שפיץ פינגער די ריינע, זילבערנע נאפעלעך און שארן ארום צווישן די אויסגעוואשענע, ראזע הערצעלעך, וואס ליגן פאר זיי אויף א טעלער פון טייערן כינעזישן פארצעלאן.

לעא קעניג איז דער עסטעט וואס זעט די עסטעטיק אין דעם דערבסטן אמת, אין דער אנטפלעקונג פון דעם רויסטן פראצעס פון לעבן, אין דעם שארפסטן אויסגעשריי פון ווייטאק, וואס וויל מער קיין ווייטאק נישט ליידן, און וואס פרואווט מיט אלע כחות אט דעם ווייטאק צו באקעמפן. מיט אנדערע ווערטער ער זעט די שענקייט אין אויפריכטיקן קאמף און אמת'ער מענטשן־ליבע, אין העראאישער זעלבסט־אפפערונג, און אין פשוטער אנטשטענדיקייט, מענטשלעכקייט און גוטקייט, אין דעם געזונטן פולן לעבן.

נאר, ווען מ'פארשטייט, אז עסטעטיק איז דער אפגיי פון א הויכער מאראל, וואס איז טיף פארדייעט און אסימילירט געווארן פון דעם מענטשן און איז געווארן א טייל פון זיין וועזן, קען מען, אין דעם זין, באצייכענען לעא קעניג אלס אן עסטעט. אלעס וואס איז נישט מאראליש, עמפינדעט אזא מענטש מיט עקל. אן עקל, וואס איז נאך טיפער ווי די טיפסטע אנטויסונג. פון יעדער געמיינהייט מיאוסט ער זיך. ער איז א מפונק, און ס'איבל'ט אים פון גייסטיקער אומריינקייט, פונקט ווי פון פיזישן שמוץ און צעפא[illegible]יים. אמאל שעמט ער זיך (שעמען איז אפט א גייסטיקע פארם פון מיאוסן זיך) אפילו צו רעדן וועגן מאראל, וועגן מענטשן־ליבע, וועגן עטיק און עסטעטיק, ווייל זיי זענען אזוי אויסגענוצט, אזוי אויסגעדראשן, אזוי צעטראטן געווארן, אזוי אויסגעוואלגערט געווארן אין די פאלשע מײלער און אין די אומריינע היפאקריטישע פיסקעס. פונקט ווי מ'מיאוסט זיך צו נעמען אין מויל ארײן דעם געשמאקסטן ביסן אויב עמעצנס ליפן האבן אים שוין מיט זייער סלינע פייכט געמאכט. . . .

פינדעסטוועגן איז פאראן אין דעם לעבן פון יעדן גרויסן מענטשן אזא מינוט ווען ער דערזעט אט די ווערטן אין זייער גאנצער אומבארירטער

פּראַכט אין זייער גאַנצער אומבאַזיגבאַרער קראַפט. טיפער זויבערקייט און שטאָלצער, אומבאַפלעקטער שיינקייט. אַזאַ איבערלעבונג האָט געמוזט טאָלסטאָי אַמאָל האָבן און דאָס האָט אים באַשטימט געגעבן די זיכערקייט און דעם גלויבן און די קראַפט אַריינצושרייען דער וועלט אין פּנים אַריין דאָס וואָס אַלע האָבן גערעדט, נאָר גערעדט אַזוי, אַז זיי האָבן אַליין נישט געהערט וואָס זיי זאָגן. אַזאַ מאָמענט האָט אויך געמוזט לעאָ קעניג האָבן אין אַ געוויסן פּעריאָד פון זיין לעבן און שאַפן. און דעמאָלט האָט ער געמוזט דערזען, אַז מ'קען אָט די גייסטיקע ווערטן נישט פאַרשווייגן און פאַרשעמען, פּונקט ווי מ'קאָן נישט ביליק און אומנויטיק און איבעריק מאַכן דורך קיין פּאַפּירענע בלימלעך און רייזלעך און קוויטלעך דאָס וואַקסן און בליִען און צוויטן פון אמתע בלומען.

מיר ווייסן, אַז שונד קלאַפּט אין אַן אָפענער טיר. דער שונדיסט איז פון פאָרויס זיכער מיט זיין דערפאָלג. ער ווייסט אַז מ'וועט אים אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. מ'וועט אים אָפּגעבן דעם „געהעריקן" כבוד מ'וועט אים אַרויפזעצן אויבן אָן, אויף אַן אויסגעבעטן שטול און ס'וועט אים אַלעס זיין אַזוי גרינג און גלאַט און ווייך און וואויל.

עכטע קונסט, פאַרקערט, שלאָגט זיך אָן אין אַ פאַרמאַכטער טיר. דער עכטער קינסטלער רעדט אָפט צו טויבע אויערן, פאַרשטאָפּטע קעפּ, בלינדע אויגן און פאַרגליווערטע הערצער.

ס'איז אָבער דאָ אויך אַ דריטע מעגלעכקייט. ס'איז פאַראַן אַ טיר, און אַ וויכטיקע טיר. אַ טיר, וואָס איז אַ מין קניפּ פּונקט. אַ גרויסע, ברייטע טיר, וואָס פירט צו אָפענע בלויע ים'ען, מיט לויטערע הימלען. אַ טיר וואָס פירט צו פרוכטבאַרע פעלדער און שאָטנדיקע וועלדער; צו גרינע לאָנקעס, וואָס זענען באַגאָסן מיט ליכטיקער זון. אַ טיר, וואָס פירט צו אַ פרייען לעבן, פול מיט ליבע און פרייד. אָבער די מענטשן וואָס געפינען זיך אַלע פון יענער זייט טיר, זענען פּונקט ווי קינדער וואָס שניידן ציינדלעך און וואָס זענען נאָך שוואַך אויף די פיסלעך. זיי זענען פריקרע, זיי האַלטן אין איין ניענטשען און פּכינקען. און פּונקט ווי די קינדער שטעלן זיי זיך אַלעמאָל אָפּ אויפצוהייבן די שאָלעכץ פון „אַ מאַראַנץ וואָס עמיצער האָט אַוועקגעוואָרפן, זיי קלויבן אויף אַ שפּענדל, אַ שטיינדל, אַ שמאַטקעלע, אַ פּאַפּירל. זיי קריכן און דרייען זיך און קערן זיך אום; און ס'זעט אויס, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט אָנקומען צו אָט דער טיר. די טיר, וועלכע, ווי דער קינסטלער זעט דאָס קלאָר און מיט פּאַדרוס און צו זיין גרעסטן עגמת־נפש, האַלט ביים צופאַלן; ביים צופאַלן שוין, נישט מער צום עפענען, נישט מער צו רירן פון אָרט. אָט די טיר וואָס האַלט ביים צופאַלן, האָט לעאָ קעניג געזען, ער האָט דאָס געזען נאָך פאַר דער לעצטער מלחמה. איצטער ווערט שוין באַלד יעדן קלאָר, אַז די טיר האַלט ביים צופאַלן, נאָר קיינער שטעלט נאָך נישט אונטער דעם אַקסל זי אויפצוהאַלטן.

אָט די טיר איז די מענטשלעכע מאָראַל, די מענטשלעכע עטיק און



עסטעטיק, די מענטשלעכע ליבע און פרייד, די גייסטיקע ווערטן, וואָס האַלטן ביים חרוב ווערן צוזאַמען מיט די לעצטע טיילן פונעם יידישן פאָלק (דאָס יידישע פאָלק וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס שטענדיק געווען דער אַוואַנגאַרט אינעם קאַמף פאַר גערעכטיקייט, פאַר יושר און פאַר מאָראַל) און מיט דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור און מענטשלעכקייט. . . .

לעאָ קעניג האָט זיין גאַנץ לעבן פיינט געהאַט דאָס וואָרט „גרויס", פּונקט ווי ער האָט פיינט יעדע פאָרם פון איבערטרייבונג, יעדן אויפן פון אָנשטעל, אָנגעבלאָזנקייט, פאַלשקייט און ליגן. ס'זענען אָבער פאַראַן מאָמענטן ווען מען מוז, נישט נאָר נוצן דאָס וואָרט „גרויס", נאָר מען מוז טאַקע אויך זיין גרויס. צייטנווייז וואָלט איך געוואָלט, אַז קעניג זאָל אויך דאָס וואָרט „גרויס" אַרויסהייבן פון דעם ברוד, אין וועלכן ס'איז פאַרזינקען, פון דעם ברוד וואָס פאַרשוועכט עס, און ער זאָל נישט מורא האָבן צו באַצייכענען אַלס גרויס די הויכע אידעען און די גרויסע ווערטן, פאַר וועלכע (ווי איך גלויב באמונה שלמה) ער שטייט. אונטער אַלע אומשטענדן, האָט קעניג אויפגעוויזן אַ גייסטיקע ריינקייט אין זיך אַ אינערלעך ליכט, אַ יוגנטלעכע פרייד און וואַרעמקייט.

קעניג איז אַן עכטער קינסטלער און אַ גרויסער עסטעט. איינער פון די געציילטע וואָס מיר פאַרמאָגן און וואָס דאַרפן נאָך זאָגן דאָס גרויסע וואָרט.

גרויס, נישט אין דער הינזיכט פון עפּעס אַן אויסגעקוועטשטער, כלומרשטער אָריגינאַליטעט און אַזוי גערופענער „אויסגעמוטשעטער אייגנאַרטיקייט, נאָר גרויס מיט דעם כח פון אמת, מיט דער קראַפט פון הויכער מאָראַל פון געזונטער עטיק און עסטעטיק, וועלכע זענען שטענדיק פריש, עכט און אייגנאַרטיק. . . .

לעאָ קעניג האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אָפּהאַנדלונגען אין די אויסגאַבעס „לשון און לעבן" (אין יידיש) און אין „ניו לייף" (אין ענגליש). גוטע, אויפריכטיקע אָפּהאַנדלונגען. ס'זעט אויס, אַז זיין וועג ווערט אים אַלץ קלאָרער און זיכערער, זיין אויפגאַבע אין דער ליטעראַטור אַלץ בולטער.

אַ גוטער אויפריכטיקער וועג און אַ גרויסע אויפגאַבע.

## יעקב פערנבאַך (תל־אביב)

# די יונג־העברעאישע דיכטונג אויפן שיידוועג

### ווי אַזוי דער פוטוריזם אַנטוויקלט זיך איצט אין ארץ־ישראל

אויף וויפיל די ליטעראַטור איז אַ שפּיגל פון לעבן קאָן מען זען לייענדיק די נייע לידער, די צושאַטענע פּערל פון דער העברעאישער דיכטונג אין ארץ־ישראל. מ'זעט ווי זיי שפּיגלען אָפּ די לעבנס־קריזיסן פון אונזער טראַ-

גישער עפּאָכע און ווי זיי גיבן איבער די ליידן און פרייד פון אויפבוי אין יידישן לאַנד.

כאַפּסטו אַ בליק איבער די יונג־העברעאישע דיכטונג אין ארץ־ישראל זעסטו קודם כל די טיפע ליבע — באַהעפטונג פון דעם ארץ־ישראל־ייד מיט דער מאַמע־ערד. דו געפינסט אין די נייע לידער פון א"י דעם געמיש און די מזיגה פונם אוראַלטן העברעערטום מיט דעם טעמפּאָ פון לעבן פון חלוץ מיטן נעראַנגעל פונם פּויער אויף די פעלדער פון יהודה און די הייסע חאַמסינען, פונם שומר אין זיין וועכטער־ביידל אויף די זאַמדן פונם גליל.

די העברעאישע דיכטונג אין ארץ־ישראל פאַרמאָגט אַן עשירות אין אירע מאָטיוון. דו געפינסט ביי ש. שלום אין זיינע לידער דאָס לייכטע פליגלען זיך פונם ליכט און שאָטן און פרייט מיט עצבות אַזוי גוט ווי דו הערסט אַ רע־ליגיעזע השתפכות־הנפש אין די פרומע געזאַנגען פון יוסף צבי רימון און אַזוי ווי דו פאַרנעמסט עפּעס אַן אימפּעט וואָס איז נישט געקומען צו רו, אַן אומעט פון פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען וואָס זוכן אַ פּאַרם אין די מיסטעריעס פון זכריה הערשמאַן „יצירת האדם" און „עם חשכה".

ביי זייט פון די „הולכי דרכים" גייט זיך זיין אייגענער סטעזשקע דער „תועה בשבילים" חיים אלחנן (י. ח. בן־דוד). וואָס שטייט פאַררוקט אין אַ ווינקל שוין זינט לאַנגע יאָרן. זיין וועלט איז די וועלט פון בלאַנדזשענדע שטראַלן. שוין אין זיין ערשטן דעביוט מיטן בוך „לב ונפש" (האַרץ און נשמה) האָט זיך געפילט דאָס איינגנאַרטיקע וואָרט, וואָס זוכט אַ פאָרם זיך אויסצו־דריקן. עפּעס קייקלען זיך מחשבות ביי אים און זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך צו אַנטפּלעקן.

## דער האַק אין פּאַק וואָס הייסט וועלט

פאַראַן ביי חיים אלחנן אַ פּאָעמע וועגן דעם האַק אין פּאַק וואָס הייסט וועלט. אַזוי ווי יעקב פיכמאַן אין זיין בוך „צללים על שדות" (שאָטענס אויף פעלדער) אַזוי איז אויך חיים אלחנן פול מיט טרויער וועגן דעם גורל פון מענטש.

„ס'האָט מיר באַצויבערט דאָס לאַנד.
וואו אַ גאָט געבענטשטער רויז פאַר מיר בליט —
זוך איך מיין רויז שוין יאָרן לאַנג —
וואו איז זי מיין רויז?" — — —

קוקט דער דיכטער אויף דער וועלט און זעט צירופים צירופים, וואָס זיינען פאַרשיידענע דערשיינונגען פון איין זאַך: „ניצוצות פון געטליכן פייער.

חצות — אַ בלויער פּירל וואו ס'וועבן זיך אריין חצות־אַקאָרדן — בענ־קענישן צו דער שכינה.

„פאַלט אויף מיין נאַקן — טראָפּן, ס'פאַלן טראָפּן פון וועלכע ס'איז אויסגעשפּריצט מיין לעבן.



האָב איך יאָרן לאַנג אויסגעקוקט דעם תהום:
וואו שיפן גייען מיט שטאָלץ
און לוסטיקע מאַטראָזן זינגען ים־געזאַנג
איבערן ברייטן ים דעם בלויען
טראָגן זיי די כוואַליעס און יאָגן
יאָגן זיי אַזוי מיינע יאָרן — — —"

מאַרדעווען זיך מענטשן, ליידן יסורי־גיהנום. ווער איז שולדיק אין זייער בראָך?

חיים אלחנן שטעלט אין איינעם פון זיינע דראַמעס „האַמלעט היהודי" (דער יידישער האַמלעט) אַט די דאָזיקע פראַגע. מער נאָך. ער זעט אַ מאָרנע טראַגעדיע אין דעם פאַקט, אַז מיר יידן דער „עם הספר", קינדער פון אַ פאָלק, וואָס דער העבערער אמת איז דער גאַנצער תוך פונם זין פון זיין געשיכטע, דער זין פון דער אייביקער וואַנדערונג זיינער און זיינע אייביקע ליידן אַט דאָס דאָזיקע אייביקע פאָלק שטייט איצט על פרשת דרכים און פרעגט: וואו איז דער וועג?

„ווי גייען יידן און קאָנען פאַרשוועכן אל דאָס הייליקע? וואָס טרייבט אריין דעם ייד אין גערויש פון דער תקופה.

דער ייד נידערט אראָפּ פליסט צו מיטן צופלים.
שטראָם אָפּ מיטן שטראָם!
ס'טרייבט אריין אין גערויש. ס'קאָכט און זידט דאָס בלוט איבער ימים'ס־פלאַך.

ווי אַזוי קאָן אַ פאָלק פאַרגעסן די וואַנדער־שיינע וואָלקענס פון זון־פאַרגאַנג?

ווי אַזוי זיך פאַרהוילן פון דאָס היפּשע שטיקל העל־בלוי הימל וואָס זיי האָבן פון שטענדיק־אָן געזען.
וואו לאָזן זיי זיך די טיר אין הימל־פאַרהאַנג
פאַרן אריינגאַנג? — — —

חיים אלחנן דריקט אויס אין זיין דראַמע „ערי מקלט" די ווילדקייט פונם דור אינם גרויסן צעפאַל. אינם ווייַ פונם בלוט. בעת הימעל און שטיין, יבשה און ים האָבן געהערט בייטאָג און באַנאַכט דעם וויי־קלאַנג פון אַ געקוילעטע אומה. וואָס גייט צו דער עקידה.

„ס'ווערט מער נישט חרוב דעם טבע'ס באַשטאַנד.
הימל און ערד
מיט די ימים אין הארץ
נאָר דו אין דער מיטן:
מענטשן אַ סך.
וואָס ווימלען אויף ים און יבשה ארום
און זוכן דעם טויער צו יענער זייט וועלט —

## נישט פון ווייסאפל זעט דאס אויג!

„נישט פונם ווייסאפל זעט דער מענטש — נאר פונם שווארצאפל — דאס איז א מאטיוו וואס לויפט א דורך אין די פאעמעס און מיסטעריעס פון חיים אלחנן (י. ת. בן־דוד).

„מגו חשוכא אשתמודע נהורא” — איז א מימרא פונם „זוהר הקדוש” (פון דער פינסטערניש ווערט דאס ליכט געבוירן).

אלע שטורמען און חורבנות מוז מען פריער דורכגיין ביז עס באווייזט זיך דאס אמתע ליכט.

אלחנן זעט טאקע אין דער מלחמה דעם אנזאג אויף שלום. ער איז נישט דער באזינגער פון די קריג־לייט, נאר דער שילדערער פון זייערע נשמה־קאמפן.

א שטורמישער פראטעסט איז דא און דארט פאראן קעגן דער שווערט וואס פארטיליקט מענטשליכע לעבנס. עס באפט דיר אן א שווערן אומעט אז דו לייענסט דורך זיינע דראמעס „בשוא גלים” און „המלט היהודי” וואו ער זעט דעם וויסטן באשייד פון אונזער גורל.

דאס לעבן איז א רעטעניש. האט אבער א פתרון. דער באשייד איז אז די גאנצע וועלט איז א פאטא מארגאנא. אפן און קלאר איז נאר דער צער.

די קאפעליע שפילט אריין אין נעפל אקארדן פון ווי צימבעלט עס דיר אין די אויערן, הערסט ווי ס'צימבעלט:

בארג אפ קיין מיידאניק קיין אשווענצים א גאנצע אומה, עם ישראל.

רעוועט א געזינד פון בלאנדע בעסטיעס:
אקסן צו דער שחיטה
אט א פאלן זיי.
שלאגן זיך זייערע קעפ — מיטן שחיטה מעסער
זייערע קעפ?
אונזערע קעפ?
מאי נפקא מינה?
סארא חילוק?

דער עיקר אז ס'זיינען קרוינען פאר דעם „מולך”, פאר דער מלכה — טויט — — —

ענטפער מיר א גאט — רופט אויס זיינער א העלד אין דער דראמע „צעקת עניים” — באשענק מיר ווייטער דעם גלויבן, דעם נישט — אויס־לעשענדיק גלויבן אין דיין איינהייטלעכקייטן אין דעם „אחדות השם”.

פארשטויס מיר נישט פון דיין שויס
ווייס איך דאך א גאט
איך לעב און וואקס
עס צערט מיין גייסט
דער ניצוץ אלוה!
טא ענטפער מיר גאט:



איז דאס א חלום?
ניין, ס'איז נישט קיין חלום
אט דאס שאטענדיקע געדריי
וואו דור נאך דור גייט ווידער
אזוי אינם געדריי פון די דורות!

ווען דער הילפלאזיקייט פונם מענטשן בעת ס'ברעכט אויס א מלחמה און ווען דער נישטיקייט פונם לעבן רעדט חיים אלחנן אויך אין זיין דראמע „בשוא גלים” (ווען די כוואליעס הויבן זיך) עס שרייט דארט אויס זיין העלד. אן אויסגעשריי ווען דער נישטיקייט פונם לעבן. ער שילדערט ווי ער דרייט זיך אזוי ארום דעם גארטן סחור־סחור. ארום און ארום דעם פרדס פון דער מחשבה ווי אמאל דער נזיר ארום דעם וויינגארטן און עפעס זוכט ער א שוים וואו זיך צו צוטוליען און ער רופט אויס פול מיט רעזיגנאציע:

„זיי זיינען קראנק, אויך זיי, די וואס זיינען מיט די גרויסע מחשבות באלאדן.

יא, פול מיט מחשבה הילט מיר איין דער טאל, דער שטראם, דער קוואל, די בערג, די וועלדער און די שיין פון יעדער זונען שטראל.

אבער וואס קומט ארויס אז אין אליאדע מינוט קומט אן א גראע נאכט, חושך, מ'טאפט, און ס'איז עפעס אזוי פינסטער.

ענלעך שרייט אויך אויס זיין העלד אין „יידן האמלעט” (המלט היהודי):

„דו בעמיסט זיך אומזיסט, און דעם סוד פון לעבן קענסטו נישט דער־גיין, ס'איז אן אומקלארער סוד און קיין שליסל צו אים איז דיר נישט גע־געבן.

„די בעסטע מאמענטן פון לעבן — שרייט אויס זיינער א העלד אין זיין מיסטעריע „ערי מקלט” זיינען די מאמענטן ווען מ'זוכט דעם שליסל צום סוד פונם לעבן.

„אזוי שפאצירנדיק האב איך א שליסל געפונען, כ'האב שפאצירט אינם גארטן פון חלומות, כ'האב געזוכט און גענישטערט צו דערגיין דעם סוד פון לעבן.

כ'יהאב געשפרייזט איבער דורות און דורות אזא סך פילאזאפן און דענקער. אט שלייפן זיי די מחשבות און אלע שאפן זיי שיטות.

כ'קאן זיי שוין אויסענווייניק — שרייבט ער — די שיטות פון פלאטאן ביז שפינאזא און בערגסאן. אוי ווי. אזעלכע געשפיצטע ווערטער און מליצות אן א ברעג, שיינע פערלדיקע, וואס שפרייזן אום מיט גאוה און ווארפן אן א שרעק.

אבער וואו נעמט מען א דענקער. וואס זאל געבן א נאמען א פארבינד־שנור פאר דעם גאנצן האק און פאק. וואס מ'רופט אן „לעבן”? חיים אלחנן איז דערשינען אין דער העברעאישער יונגער דיכטונג אינאיינעם מיט א גאנצע מחנה פון דיכטער.

ס'איז געווען דער שפּראַץ פון דער ניי־העברעאישער דיכטונג. אייניקע דיכטער האָבן זיך מיטאַמאָל בעוויזן און יעדערער פון זיי איז געקומען מיט סוד און מיט זיין חלום. אורי צבי גרינבערג האָט אויך אין יידיש געפּרובט רעוואָלטירן דאָס שטילקייט. מיט זיין פּאָעמע „מעפיסטאָ" האָט ער אויסגע־שרינגן דעם געשריי פון יידישן ווייטיק און געראַנגל און אַזוי איז אויך גע־קומען מתתיהו שוהם מיט א ריי דראַמעס פון די ביבלישע צייטן און זיך געצילעוועט צו געבן אַן אָריגינעלע דיכטערישע אויסטייטשונג צום וועלט־בראָך. נאָר דער טויט האָט אים פאַרשניטן פריצייטיק נאָך פאַר דער לעצטער מלחמה.

צו דער זעלבער צייט ווען אורי צבי גרינבערג האָט אין וואַרשע געדרוקט זיין „מעפיסטאָ" האָט אברהם שליאָנסקי געדרוקט אין תל־אביב זיין מיסטישע פּאָעמע „דווי" און אַזוי ווי א הייניטצייטיקער איוב רייסט ער זיך אַראָפּ די בגדים פון לייב ווי אַ קרעציקער מצורע מחוץ למחנה.

דער גאָט פון די „מצורעים" איז דער גאָט ! רופט אויס דער „איוב" פון דער פּאָעמע „דווי". אַזוי ווי ביי אָסקאַר ווײַלד אין זיין בוך „דע פּראָפונ־דיס" זעט אויך דער פוטוריסטישער דיכטער שליאָנסקי די דאָמינירנדע מאַכט אינם צער :

„ס'ווילט זיך מיר צובינדן מיין האַרץ" ווי אַ הונט צום איינזאַמקייט־קאַנורע, און צו זיך אַ ביל־טאָן. שוטה איינער, ביז ווי לאַנג וועסטו נאָך בילן ?

אויך ער אַזוי ווי חיים אלחנן איז אנטוישט פון דעם געוויסן פון דער וועלט.

חיים אלחנן לאַכט אָפּ איראָניש פון די חכמים, די קלוגע לייט, וואָס וויסן שוין אַלץ און אַזוי ווי ר' נחמן בראַצלאַווער אין זיין „מעשה מיטן חכם און דעם תם" דריקט אויך ער אויס די באַגרעניצטקייט פון דער מענטש־ליכער מחשבה.

„ביזט צוגעשמידט, חכם מיינער, צו די קייטן און קענסט זיך פונם אָרט נישט רירן".

„אוי וויי, ווי שיין און ווי קליין איז דיין מחשבה, חכם מיינער".

און בעת מיר רייזן וועגן דעם ביטול פון דער מערב'דיקער קולטור דער־מאָנען מיר זיך אָן דעם דיכטער, ז. שניאור, וועמענס 60־יובליי מ'האָט ערשט נישט לאַנג געפּראַוועט.

ווער געדענקט נישט זיין פּאָעמע „ימי הבינים מתקרבים". ס'דערנענ־טערן זיך די טעג פון מיטלאַלטער וואָס ער האָט פאָראויס געזען אונזער גרויסן חורבן.

יאָרן נאָך פאַר אָסוואַלד שפּענגלערס בוך וועגן דער אונטערגאַנג פון מערב האָט שוין ז. שניאור דערזען די מיקראָבן, וואָס פרעסן אויף די קולטור פון אייראָפּע און מיט דעם כוח פון הויכער דרייסטקייט און טיפער האָט ער געזוכט צו שאַפן בריקן איבערן תהום.



## יוסף פרענקעל

# אימבער און „התקוה"

פון גאַליציע זענען געגאַנגען פיל יונגע אידעאַליסטן, סטודענטן און דיכטער קיין ווין און דאָרטן זיינען די „גאַליציאַנער" געוואָרן די ערשטע מיטגלידער פון „קדימה" — דעם ערשטן ציוניסטישן סטודענטן־פאַרבאַנד (1882) — און שפּעטער זיינען זיי געוואָרן אייפעריקע מיטאַרבעטער פון הערצל. אָבער פאַר פילע פון זיי איז ווין געווען בלויז אַ „דורכגאַנג־סטאַציע" און זייער רייזע האָט געפירט ווייטער. איינער פון די דאָזיקע גאַליציאַנער איז געווען אימבער. אַן אכצניעריקער האָט ער פאַרלאָזן זיין געבורט־שטאָט זלאָטשאָוו, וואו עס האָבן דענסטמאָל געלעבט פינף טויזנט יידן. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין אומגליקליך וואַנדער־לעבן. ער האָט זיך אויפגע־האַלטן אין ווין, אין אונגאַרן, אין די באַלקאַן־לענדער, אין רומעניע און אין דער טערקיי. ער איז געווען אין ארץ ישראל, איז געקומען אויך קיין לאָנדאָן און פון דאָרטן איז ער געפאָרן ווי אַן עמיגראַנט קיין אַמעריקע. אָבער אויך אין אַמעריקע האָט ער נישט געפונען קיין רו און האָט תמיד אַרומגעוואַנדערט.

נפתלי הערץ אימבער (1856־1909) איז געווען אַן אָריגינעלער מענטש. אין וועלכן עס האָבן זיך פאַראייניקט קעגנגעזעצטע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. ציטנווייז איז ער געווען איינער פון די אַרומגעהעצטע יידישע „משוררים" פון די אַלטע צייטן און צייטנווייז איז ער געווען אַ „יידישער ציגיינער־טיפּ", אַ „באָהעמיען". פון דער הייניטיקער צייט. זאַנגוויל האָט אים אָפּגעמאָלן אין זיין ווערק „קינדער פון דעם געטאָ" — אין דעם פּאַרשוין פון „מלבי צדק פינחס". אימבער איז געווען שטאָלץ, זעלבסטבאַוואוסט, אָבער אויך זער עמפּפינדלעך און לויניש. אין אָפט פלעגט ער חוזק מאַכן פון אַלע און פון זיך אַליין. ער איז געווען אַן אומגליקלעכער מענטש און האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַן אייגענע היים — אויך ניט אין דער צייט פון דעם קורצן צוזאַמענ־לעבן מיט זיין פרוי, אַ דאָקטאָרין, וועלכע האָט אויפגעגעבן פאַר זיינעט־וועגן איר קריסטלעכן גלויבן. ער איז געווען אַ נעניוס, אַ טרוימער, אַ מלך מיט ליידיקע טאַשן. ער האָט זיך אַליין גערופן „דער משורר פון דעם יידישן פאָלק". האָט באַהערשט דאָס העברעאיש פון דער „קלאַסישער ספרדישער עפּאָכע" און האָט נישט אָנערקענט קיין אויטאָריטעטן. אָרים ווי אַ בעטלער האָט ער געהאַט אַ רייכע פאַנטאַזיע ווי זשול ווערן. ער איז געווען ווי אַ קינד. וועלכער האָט נייטיק „טאַשן־געלט", אָבער אין געשפּרעך איז ער געווען אַ מיליאַנער. פול מיט שפּאָט און סאַטירע. ווען סער לאָרענס אָליפאַנט האָט זיך אויפגעהאַלטן אין ארץ ישראל איז אימבער געווען זיין יידישער סעק־רעטאַר. אָליפאַנט האָט נישט געהאַט קיין קינדער און האָט געוואָלט מאַכן אימבערן פאַר דעם יורש פון זיין גרויסן פאַרמעגן. אָבער אימבער איז זיך געבליבן טריי־ — ער האָט זיך צעקריגט מיט סער אָליפאַנט און אים פאַר־לאָזן.

אימבער האָט פאַרעפנטלעכט פּיל אַרטיקלען אין פאַרשיידענע צייטונגען, האָט אויך אַליין אַרויסגעגעבן צייטשריפטן; האָט זיך באַשעפטיקט מיט פאָרשונגס־אַרבעטן, מיט מיסטיציזם און האָט געהאַלטן לעקציעס איבער אָקולטיזם. אָבער באַרימט איז ער געוואָרן ווי אַ לירישער דיכטער. אין זיינע שירים איז צו שפּירן זיין ביטערע איראָניע אין דאָס טונקל־רויטע גליען פון זיינע געפילן.

איינע פון זיינע אַרבעטן האָט אימבער געווידמעט די האַבסבורגער דינאַסטיע פון עסטרייך. אַן אַנדערע אַרבעט האָט ער געשריבן פאַר „דעם הערשער פון יאַפּאַן" און אַ דריטע פאַר סער לאָרענס אָליפאַנט". אין דעם בריטיש מוזעאום געפינט זיך אַ קליינע בראָשור: „פראַגן פון היינטיקן טאָג אין דעם תלמוד מיט אַ ווידמונג פאַר אַלע געלערטע פון אַלע נאַציאָנען". ווען אימבער איז שוין געווען שווער קראַנק און אויף דעם שוועל פון דעם טויט האָט ער נישט פאַרלוירן זיין הומאָר. ער האָט דערקלערט אין זיין צוואה, אַז ער לאָזט איבער זיינע רעמאַטיזם פאַר זיינע פיינד און זיינע צעבראָכענע פעדער פאַר די רעדאַקטאָרן פון די יידישע צייטונגען, כדי זיי זאָלן שרייבן לאַנגזאַם און דורך דעם פאַרמיידן פעלערן.

פ. קאָהען דערמאָנט אין זיינע ערינערונגען, אַז עס איז געווען זייער שווער אָפּצוהאַלטן אימבערן פון אַ „פלאַש בראָנפן". אַמאָל — דערציילט קאָהען — איז געווען אימבער אויף אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג. אימבער אָבער האָט דערקוטשעט די רעדנער און מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן. ער איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אין דרויסן און אַז דער עולם האָט אָנגעהויבן צו זינגען זיין „התקוה", האָט אימבער די טיר געעפנט און אַריינגערופן: „איר קענט מיר אַרויסוואַרפן, אָבער מיינע לידער מוזט איר זינגען....."

באַלד וועלן שוין זיין 40 יאָר זייט דער „משורר פון דעם יידישן פאָלק" איז געשטאָרבן אין שמחת תורה, איינזאַם און פאַרלאָזן, אין ניו־יאָרקער „בית ישראל שפּיטאָל". מען האָט אים כמעט פאַרגעסן — מען ווייס בלויז, אַז ער איז דער מחבר פון „התקוה" און פון דעם נאָך היינט פיל־געזונגענעם ליד „משמר הירדן".

ארץ ישראל וועט געווים פייערן אין דעם איצטיקן יאָר דאָס זיבציקיאָריקע יובילעאום פון פתח תקוה — דער ערשטער יידישער קאָלאָניע אין ארץ ישראל — און פון דעם הימן „התיקוה". ווען מען האָט אָנגעהויבן די אַרבעט פאַר גרינדן „פתח־תקוה" (1878), איז אימבער דערפילט געוואָרן מיט אַ מין נביאישן גייסט. אין יאַסי האָט דער צוויי־און צוואַנציק־יעריקער אימבער געשריבן דאָס נאַציאָנאַל־ליד, נישט כדי צו קלאָגן, נאָר כדי צו געבן האָפענונג און מוט. ער האָט פאַרעפנטלעכט דאָס ליד אונטער דעם נאָמען „תקותנו" — ערשט פיל יאָרן שפּעטער האָט מען דעם ליד אַ נאָמען געגעבן „התקוה" — אין זיין שירים־זאַמלונג „ברקאי" (ירושלים, 1886). 25 יאָר האָט געדויערט, ביז „התקוה" איז אָנערקענט געוואָרן פאַר דעם נאַציאָנאַל־הימן פון דעם יידישן פאָלק. עס איז געווען אַ שווערע קאָנקורענץ פון פאַר־



שידענע לידער. און דער קאַמף צווישן זיי איז געפירט געוואָרן איבעראַל, וואו ציוניסטן האָבן געווירקט, באַזונדערס אין ווין, וואו טעאָדאָר הערצל האָט אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע.

דער מאָדערנער ציוניזם איז אויפגעקומען, מען האָט גערעדט פון איין פאָלק, איין לאַנד, פון אַ קאָנגרעס, אַ שפּראַך און אַ נאַציאָנאַלן פאָן — עס האָט אָבער געפעלט דער נאַציאָנאַל־הימן. הערצל האָט געטראַכט איבער אַלעס, אויך איבער אַ נאַציאָנאַלן הימן. שוין אין יאָר 1895 האָט ער געוואָלט בעטן קאַרל גאָלדמאַרק, דעם קאָמפּאָזיטאָר פון דער יידישער אָפּערע „די קעניגין פון שבא", און איגנאַץ ברילל, וועלכער איז געווען באַזונדערס באַרימט דורך זיינע אָפּערע „דאָס גאָלדענע קרייץ". אַז זיי זאָלן קאָמפּאָנירן אַ יידישע „מאַרסעליעזע". הערצל איז געווען קעגן דאָס אויסשרייבן אַ „פּרייז" פאַר אַ נאַציאָנאַל־הימן, און ער האָט געגלייבט, אַז סוף כל סוף וועט דאָס בעסטע יידישע ליד פון דעם פאָלק אַליין ווערן אָנערקענט ווי אַ הימן.

„התקוה" איז געוואָרן באַקאַנט און פאַרשפּרייט אין מזרח און מערב דורך ציוניסטן, וועלכע זענען געקומען פון „פתח־תקוה". אין לידער־ביכער איז אימבערס פּאָעם אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטער דעם נאָמען פון פאַרשיידענע קאָמפּאָזיטאָרן. אין מערב אייראָפּע האָט מען אָנגעגעבן פאַר דעם מחבר פון דער מוזיק — איינמאָל הענרי בוזאַטאַק, און אַן אַנדערשמאָל שמואל כהן, אַ. פערלצווייג און אויך ש. ט. פרידלאַנד און אַנדערע. דאָס ליד איז געוואָרן באַקאַנט אין מערב אייראָפּע באַזונדערס דורך דעם ביכל „די געזאַנגען פון ציון" פון פרידלאַנד (ברעסלוי, 1895). דערנאָך איז „התקוה" געוואָרן אַריינגענומען אין פיל ציוניסטישע לידער־זאַמלונגען. זי איז אויך געוואָרן איבערזעצט אין פאַרשידענע שפּראַכן, אין ענגליש פון ישראל זאַנגוויל. אָבער אין די ערשטע יאָרן פון דעם ציוניזם האָט מען געזונגען נישט בלויז „התקוה", נאָר אויך דערהויפּט דאָס ליד „דאָרט וואו די צעדער" פון ד"ר י. פעלד, וועלכער האָט געשטאַמט — ווי אימבער — פון גאַליציע. מען האָט אויך אָפּט געהערט לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, אַדאָלף דאָנאַט, היינריך גרינוי, זיגיזמונד ווערנער, ווי אויך אימבערס „משמר הירדן" (די וואַך ביי דעם ירדן). מען האָט זיך נישט געקענט איינינקן איבער דעם נאַציאָנאַל־הימן, און צום סוף האָט מען דאָך געמוזט דערקלערן אַ פּרייז־אויסשרייבונג. צוערשט האָט דאָס געמאַכט דער פאַרבאַנד פון די מאָסקווער „חובבי ציון" און מ. דאָליצקים „על הרי ציון" (אויף די בערג פון ציון) האָט באַקומען דעם ערשטן פּרייז. דערנאָך האָבן אין יאָר 1898 די צייטונגען געדרוקט די ידיעה, אַז אַ ציוניסט מיט דעם פּסעוודאָנים „איש יהודי" האָט זיך דערקלערט באַרייט צו געבן אַ פּרייז פון 500 פראַנק פאַר דעם בעסטן פאָלק־הימן. פיל האָבן אַריינגעשיקט „הימנעס". אָבער קיינער האָט נישט געוואונען דעם פּרייז, און די 500 פראַנק האָט מען געגעבן דעם סקולפּטאָר פרידריך בער, ווי אַן אָנערקענונג פאַר דעם ציוניסטישן „קאָנגרעס־מעדאַל". וועלכער ער האָט געמאַכט. אָבער י. ראָזעס איז אויפגעטרעטן זעלבשטענדיק און

האָט געגעבן זין ציונס־ליד „אויף אַ פרעמדן באָדן" (קיעוו, 1899) די באַצייכנונג „נאַציאָנאַל־הימן". אַנדערע האָבן אים נאָכגעמאַכט און אויף די ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען האָט געהערשט אַ מישמאַש: מען האָט געהאַט אַ סך הימנעס, אָבער נישט דעם נאַציאָנאַל־הימן.

אין דער זוכעריי פאַר אַ יידישן הימן האָט געשפּילט אַ באַדייטענדיקע ראָלע די יידיש אַקאַדעמישע אָרגאַניזאַציע „עבריה" אין וויען. אין דער צייט פון הערצל זענען די סטודענטן־גרופּן געווען די הויפּט־טרעגער פון דעם ציוניסטישן געדאַנק. כמעט אַלע מיטאַרבעטער פון הערצל האָבן געהערט צו אַ סטודענטן־פאַרבינדונג, און אויך די פירער פון די עסטרייכישע ציוניסטן זענען אַלע געווען חברים פון סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס. די עלטסטע און אָנגעזעהענסטע איז געווען די „קדימה". וועגן דעם, וועלכע פאַרבינדונג איז געווען די צווייט־עלטסטע — איז באַשטאַנען שטענדיקע מחלוקת צווישן די מיטגלידער פון די פאַרבינדונג „עבריה" און „אוניטאַס". די פאַרשידענע פאַרבינדונגען האָבן שטאַרק קאָנקורירט צווישן זיך אין דער ציוניסטישער אַרבעט, און אויך בנוגע צו דעם נאַציאָנאַל־הימן .די „עבריה" האָט געהאַלטן פאַר „התקוה" און די „קדימה" פאַר דאָס ליד „אַ ווינטעלע בלאָזט דורך דעם לאַנד".

נאָך מיין מיינונג איז דאָס לעצטע ליד געוואָרן געשריבן אויף דער איניציאַטיוו פון טעאָדאָר הערצל. ער האָט געבעטן פּראָפעסאָר ל. קעלנער, דעם שפּעטערדיקן מחבר פון דעם בוך ט. הערצל לעריאָרן", צו שרייבן דעם טעקסט, אין דעם קאָמפּאָזיטאָר פּראָפעסאָר איגנאַץ ברילל, צו מאַכן די מעלאָדיע. די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט פּראָפּאַגירט פאַר דאָס ליד און האָט אויפגעפאָדערט אַלע מיטגלידער דעם הימן צו פּאָפּולאַריזירן. צו דעם 15־טן יאָרצייט־טאָג פון פּרץ סמאָלענסקין, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער „קדימה". האָט די סטודענטן־אָרגאַניזאַציע געמאַכט גרויסע פאַרבאַרייטונגען איינצוריכטן אַ „סמאָלענסקי־פייערונג" (דעם 17־טן מערץ 1900). אין דערביי האָט מען געוואָלט אויך אָפיציעל איינפירן דעם הימן. הערצל און זיינע מיטאַרבעטער זענען געקומען צו דער פייערונג, וועלכע איז געווען זער געלונגען און האָט אויף אַלע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דאָס ליד „אַ ווינטעלע בלאָזט דורך דעם לאַנד" איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויסער צושטימונג. מען האָט אין וויען און אויך אין אַנדערע לענדער אָנגעהויבן צו זינגען דאָס ליד, אָבער פונדעסטוועגן איז עס נישט געוואָרן אָנערקענט ווי אַ נאַציאָנאַלער הימן.

די „קדימה" האָט געהאַט בעסערע רעדנער, אָבער די „עבריה" — בעסערע זינגער. ווען עס זענען פאָרגעקומען פּאָליטישע סכסוכים צווישן די ציוניסטן אין וויען, האָט די „קדימה" איינגעריכטעט אַ דיסקוסיע — די „עבריה" אָבער אַ געזאַנג־אָוונט. און זי פלעגט אויסדריקן אירע אַרגומענטן אין שירים. הערצל איז אַ סך מאָל געקומען צו דער „עבריה" און ער האָט פאַרשטאַנען דעם צוועק פון אַט די לידער.



די „עבריה" האָט געזונגען „התקוה" צום ערשטן מאָל פאַר אַ גרויסן עולם אין יאָר 1896. אירע חברים, ד"ר לואיס פּאַבאַרסקי, וועלכער לעבט נאָך היינט אין וויען, און ד"ר בערנהאַרט האָהן האָבן צופעליק געפונען די ברעסלויער אויסגאַבע פון „די געזאַנגען פון סיריע" מיט דער „התקוה" — און האָבן זיך באַמיט צו פּאָפּולאַריזירן אימבערס ליד. יעדעס מאָל, ווען די חברים פון דער „עבריה" האָבן געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע רייזעס און האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנגרעסן, קאָנפערענצן און „קאָמערסן", האָט מען שוין פאַרשטאַנען אין פאַרויס, אַז מען וועט הערן „התקוה".

צווישן 3 לידער איז סוף כל סוף פאָרגעקומען אַ שווערער קאַמף: „התקוה", „דאָרט וואו די צעדער" און „אַ ווינטעלע בלאָזט דורך דעם לאַנד". די בורדים זענען געווען די יידישע מאַסן. אַ סך מאָל פלעגן פאָרקומען אומאָנגענעמע אינצידענטן צום סוף פון אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג: אַ טייל האָט געוואָלט זינגען איין ליד און אַ טייל האָט געוואָלט אַן אַנדער ליד. און אָפטמאָל האָט מען זיך געאייניקט און געזונגען אַלע דריי לידער. אָבער „התקוה". האָט מער און מער געוואונען די איבערהאַנד. אויך אין לאָנדאָן, וואו „התקוה" איז שוין לאַנג געווען באַקאַנט און די יידן אין ווייטשעפּל האָבן אָנערקענט אימבערס ליד. אין דער צייט פון דעם פערטן ציוניסטן־קאָנגרעס (לאָנדאָן, 1900) איז אין איסט ענד פאָרגעקומען אַ מאַסן מיטינג. הערצל, נאָרדוי, זאַנגוויל, סער פראַנצים מאָנטעפיאָרע, ד"ר מ. גאַסטער, ד"ר א. מאַרמאָרעק, פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם און אַנדערע זענען געווען די רעדנער. צום סוף פון דער פאַרזאַמלונג האָט מען געזונגען „גאָד סייוו טהע קוין". ווען די פאַרזאַמלונג איז שוין געווען אָפיציעל געשלאָסן, האָט איינער פלוצים אָנגעהויבן צו זינגען „התקוה" און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מאַסע פון טויזנטער ציוניסטן האָט געקענט דאָס ליד און האָבן עס מיטגעזונגען. און ווען הערצל און אַנדערע קאָנגרעס דעלעגאַטן האָבן געמאַכט אַ רייזע דורך ענגלאַנד, האָבן זיי באַגריסט די פאָן אויף דעם שלאָס פון ווינדזאָר מיט דעם געזאַנג פון „התקוה".

פונדעסטוועגן האָט מען אויך ווייטער אָפט געהערט „דאָרט וואו די צעדער" ווי אַ הימן. ערשט אין דעם יאָר 1907 איז געוואָרן קלאָר פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַז „התקוה" וועט זיין דער נאַציאָנאַל־הימן און אין דעם פּראָטאָקאָל פון דעם 8 ציוניסטן קאָנגרעס (1907 אין האַאַג) איז צום ערשטן מאָל נאָטירט, אַז דער קאָנגרעס איז געוואָרן פאַרענדיקט מיט דעם זינגען פון „התקוה".

דער טעקסט פון „התקוה" שטאַמט פון אימבערן. פון וועמען שטאַמט אָבער די מוזיק? אויך דעריבער איז דאָ אַ מחלוקת. צום אָנפאַנג האָט מען געגלויבט, אַז די מעלאָדיע איז אַריבערגענומען פון דער באָהעמישע סימפאָניע" פון דעם טשעכישן קאָמפּאָזיטאָר פרידריך סמעטאַנאַ (1884-1824). צבי מייעראָוויטש (1945-1882). אַ פאַכמאַן אין יידישע מוזיק, האָט אויסגעדריקט אַן אַנדערע מיינונג. מייעראָוויטש איז געווען פּראָפעסאָר פאַר ליטורגישע

מוזיק אין דעם יידישן ראבינער סעמינאר אין וויען און האט אויך געהאלטן לעקציעס דעריבער אין דעם דזשו'ס קאלעדזש" אין לאנדאן. ער איז אויך באקאנט אין דער יידישער מוזיק־וועלט ווי דער קאמפאזיטאר פון פילע העברעאישע לידער און ער האט ארויסגעגעבן א זאמלונג פון שירים „עונג שבת" (לאנדאן, 1937). אין 1930 האט ער פארעפנטלעכט א בריוו אין דעם „דזשואיש קראניקל". אין וועלכן ער באווייזט, אז די מעלאדיע פון „התקוה" שטאמט נישט פון סמעטאנא. לויט דער מיינונג פון מייעראוויטש האט די התקוה־מעלאדיע קאמפאנירט א ספרדישער ייד העגרי בוסאטא (אדער: רוסאטא) נאך דער תפלה מוזיק פון הלל (תהלים, קאפיטל 117), וועלכע ווערט געזונגען זייט יארצענטן אין די ספרדישע שולן. ער האט ארויסגעפונען, אז די דאזיקע מוזיק איז געווען צום ערשטן מאל פארעפנטלעכט אין יאר 1857 אין א בוך אונטער דעם טיטל: „אלטע ליטורגישע מעלאדיען פון שפאנישע און פארטוגיזישע יידן, הארמאניזירט פון ע. אקווילאר און מיט א פארווארט פון ראבינער ד. א. דע סאלא". דאס בוך איז דערשינען אן ערך 20 יאר פריער פאר סמעטאנאס „באהעמישע סימפאניע".

אין די איבערגליבענע נישט פארעפנטלכטע שריפטן פון מייעראוויטש געפינען זיך נאך ווייטערע אנמערקונגען צו דער פראגע. ער ווייזט אן, אז די סטרוקטור פון דעם מוזיקאלישן־מאטיוו אין דעם ספרדישן הלל איז א סך ענליך מיט דער מעלאדיע פון „התקוה". דער טאן־שליסל פון הלל און התקוה איז לויט א פיר־פערטל־טאקט, אבער דער טאן שליסל פון סמעטאנאס מוזיק איז בלויז אין ערשטן טייל ענליך מיט „התקוה". דער צווייטער טייל פון דער התקוה־מעלאדיע איז בכלל נישט פאראן ביי סמעטאנא. דער טאן שליסל ביי סמעטאנא איז אין זעקס־אכטל־טאקט.

איך אליין האב אויך ארויסגעפונען אין אלטע צייטונגען, אז פייערליכע פארזאמלונגען פלעגט מען אין דער צייט פון די חובבי־ציון און אין דער הערצל עפאכע געווינלעך ארייגפירן מיט תהלים־לידער.

עס זענען פאראן צוויי טעקסטן פון „התקוה" אין דער האנדשריפט פון אימבער. רבקה קאהוט דערציילט אין דעם בוך „איך קען זיי". אז אימבער האט איבערגעגעבן דאס אריגינאל מאנוסקריפט געארג קאהוטן. און אין דעם ווערק „100 יאר פון דעם יידישן לעבן" פון פראפעסאר עלבאגן געפינט זיך די באמערקונג, אז קאהוט האט געשיינקט דאס מאנוסקריפט דער ביבליאטעק פון דער יאלע־אוניווערזיטעט אין אמעריקע. אנדערש האט זיך באנומען א קריסטין, די זינגערין, פרוי מארפיי, וועלכע האט באהערשט די העברעאישע שפראך. זי האט געגעבן א קאנצערט אין דעם קראנקנהויז, אין וועלכן דער אומגליקלעכער דיכטער איז געלעגן זייער שווער קראנק. זי האט געמאכט אימבערן אן איבעראשונג: זי האט אויך געזונגען „התקוה". דערנאך האט זי אים געבעטן, אויפצושרייבן פאר איר „התקוה" און דער דיכטער האט איר במשה דערפילט. זי האט געהאלטן דאס מאנוסקריפט טייער ווי א היילינטום, און היינט געפינט ער זיך אין דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים.



אימבערס „התקוה" האט באגלייט דאס יידישע פאלק אין די פאסירונגען פון זיין געשיכטע אין די לעצטע 50 יאר און אויך אין זיין קאמף פאר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל. דאס ליד וועט פון דאס ניי אויפקלינגען אין דער יידישער מדינה און וועט דארטן אייביק ווערן געזונגען.

## דער באזוך פון משה עובד און נעט רובין אין ליעדז

זונטיק דעם 21 מערץ האט דער יידישער קולטור צענטער געהאט א דערפאלגרייכע אונטערנעמונג מיטן אנטייל פון משה עובד און נעט רובין פון לאנדאן. דאס איז שוין דאס דריטע יאר ווי משה עובד באזוכט לידז, און יעדע אונטערנעמונג קלייבט דער היגער קולטור צענטער מאטעריעלע כוחות וועלכע האלטן אויף זיין עקזיסטענץ, און דערמעגלעכן דעם צענטער אנצוגיין מיט זיין ארבעט. ביי שיין געדעקטע טישן האט זיך פארזאמלט אן עולם פון איבער פופציק מענטשן און נאך אפיינעם טיי און צוביים האט נעט רובין רעציטירט „כבין א זון פון מיין פאלק" פון ס. פאלמע, און „מענטשלעכע דערגרייכונג" פון שמואל וואהייט. ביידע רעציטאציעס האט דער עולם אויפגענומען מיט געוואלדיקן אפלאדירן.

דאן האט משה עובד געהאלטן א פארטראג, וועלכן מען קען אנרופן: ערנסט און פילאזאפיש. זיין טעמע איז געווען „די צעבראכענע וועלט און אונדזער יידישער קיום"; ער האט געזאגט, אז אום מיר זאלן קענען אויפהאלטן אונזער יוגנט מיט אונדז דארפן מיר ניט לאזן אונדזער גאט אין הימל, נאר מיר מוזן אים אראפברייגגען דא אויף דער ערד, און ווייזן דער יוגנט דורך אונדזערע מעשים, אז אונדזער גלויבן און לערע איז ווערט נאכצופאלגן. און אז דורך דעם וואס מיר וועלן מאכן פון אונזער גלויבן אווירקלעכקייט ווייל מיר וועלן עס אויך ניט נאר האבן פאר איין אבסטראקטער לערע, נאר פראקטיצירן אין טאג טעגלעכן לעבן, וועט די יוגנט האבן געזען, אז עס איז ווערט פארזעצן אונזער ארבעט און וועט מיטגיין אין אונזער וועג. דער פארטראג האט ארויסגערופן א צאל פראגן, וועלכע וואלטן זיכער געבראכט א העכסט אינטערעסאנטע דיסקוסיע, נאר פאר דעם איז די צייט ניט געווען פאסנדיק.

רובין האט דאן געלייענט שלח־מנות פון שלום־עליכם מיט גרויס דערפאלג. און עס האט נאכגעפאלגט א געלט זאמלונג, וועלכע האט געבראכט אונזער פאראיין א באדייטענדע סומע אום ער זאל קענען אנפירן זיי ארבעט.

אזוי ארום האבן מיר פארבראכט אן איינגענעם טאג מיט פארווייליגנען ביי די פריינט זאנענבערג, באנקס און אין דעם הויז פון אונזער פריינדין מילע.

אין נאמען פון לידזער יידישן קולטור צענטער — **י. טיילאר**

נ.ב.—איך האב געראפט דערמאנען, אז אונזער פריינט ישראל פלאקס האט זייער געלונגען געלייענט „שאך־מאט" פון משה עובד. דער עולם האט דערפון געהאט גרויס הנאה.—ד.ז.

## י. ביעטש

# „א דור פון בראשית“

(רעצענזיע)

גאנץ צופעליק איז מיר אריינגעפאלן אין האנט, דאס בוך פון ש. בערלינסקי „א דור פון בראשית“. איך נעם זיך נישט אונטער וועגן דער קינסטלערישער זייט צו משפטן. מיינע שורות וועלן נאר זיין א רעצענזיע איבער די דערציילונגען אינם דאזיקן בוך וואס זיינען געשריבן פון א שוין אנערקענטן קינסטלער. דאס בוך איז פול מיט כאראקטעריסטישע בילדער, וועלכע צייכנען זיך גלייכצייטיק אויס מיט א ביטערן רעאליזם.

דעם ערשטן איינדרוק, וואס מען באקומט בעת מהויבט אן לייענען דאס בוך, „א דור פון בראשית“, אז מיר האבן צו טאן מיט א שוידערליכער הפקר־צייט, א צייט פון אונבאגרענעצטער רציחה לגבי דעם יידישן פאלק. וואו א מיליאן און א האלב יידישע קינדער, חוץ דער עלטערער דור, זיינען אומגעקומען און געווארן אפגעריסן פון א סביבה, וואס האט געשפרודלט מיט א גרויס גייסטיק לעבן.

ש. בערלינסקי גיט אונז אין זיינע דערציילונגען, א קלארן און דייטלעכן איבערבליק פון א ריי געשעענישן, וועלכע האבן זייער שטארק אויפגעטרייסלט דאס יידישע פאלק. ס׳איז א דאקומענט פון דעם יידישן לעבן אין די געטאס און קאצענטראציע לאגערן, וועלכע וועלן בלייבן אלס א יסוד פאר די צו־קונפטיקע פארשער פון א טראגישע תקופה. הגם אומצייליקע ביכער זיינען שוין דערשינען, וואס באהאנדלען די שוידערלעכע טעמע: דאך זעט אויס אז די טעמע איז אומאויסשעפבאר.

שוין אין דער התחלה אין די דערציילונג „דער וועג א היים“. פון וועלכע איך דערלויב זיך איניקע שורות צו ברענגען: „מיט געבראכענע טריט די שפיצן פון די פיס האבן די ערט באריט, איז יחיאל אלטמאן געלאפן פון דער באן אהיים:

זעקס יאר צייט, בעת זיין אויפהאלט אין ראטן־פארבאנד, האט ער גע־האפט אויף דעם גאנג. אפשר... אקליניקייט ער שטייט שוין באלד אויף דער שוועל פון דערוויסן זיך צו לעבט זיין ווייב, זיין קינד, א שוועסטער, ברודער, פריינט, באקאנטע, אבער געטראפן האט ער א פארוויסט און ישפור יידיש לעבן, פארזונקען אין דער ערט. אין דעם ערשטן מאמענט האט ער נישט געקענט כאפן דעם געדאנק. וואס דא איז געשען? א מבולבלדיקער, ווי איינער וואס ווערט איבערגעוועקט דורך א שרפה איז ער געשטאנען און צו זיך גע־זאגט. ווי הויבט מען אן ווייטער צו לעבן? לאנג איז ער געשטאנען איבער בערגלעך וישאווער, שברי כלים. אט וואס ס׳איז געבליבן פון א גרויס יידיש איינגעווארצלט לעבן“.

נישט בחנם זאגט ער צו די פלוצלונג געפונענע ראזא, א מיידל וואס ער האט געליבט און חתונה געהאט דוקא פאר אן אנדערער, וועלכע איז



אומגעקומען אינם לאדזשער געטא: „ס׳איז גוט טייערינשקע, ס׳איז גוט, האסט מיך אויסגעלייזט פון דער מורא. אז מיט מיר ווערט איבערגעריסן אונזער משפחה פארים, ס׳פאלט איין די בריק פארן עתיד, ווייטער וועלן מיר ציען די קייט פון דורות, מיר זיינען דאך איצט א דור פון בראשית“.

אין די דערציילונג „די משפחה יעלין“, קומט צום אויסדרוק דער גרויסער צער פון מרדכי יעלין, ווען ער דערהאלט א ידיעה פון זיין פוילישן שטעטל, אז די געסטאפא האט ארויסגעפירט די גאנצע יידישע באפעלקערונג הינטער דער שטאט, צווישן זיי אויך זיינען עלטערן, וועלכע זיינען מער נישט צוריקגעקומען. דוקא די אומבאשטימקייט פון זייער אומקום האט אים שטארק אויפגערודערט און געגעבן פלאץ פאר די שוידערליכסטע פארשונגען. אין זיין גרויסן צער זאגט מרדכי: „וואס מער איך דערפיל די רויע רציחה, די עזות־דיקע שאנד פון די דייטשן, אלץ מער פארטראגט עס מיך צו מיין שטיבל. א ווייסעס איז עס געשטאנען דאס הייזעל, אין דעם שטילן געסל, הינטער דער שול, די פארהאנגלעך אויך ווייסע, וואס האבן פארשטעלט פאר דער גאס דאס לעבן פון דער שטוב, פונקט ווי אראפגעלאזטע אויגן לעפלעך, ווי ביי אן אומשולדיק מיידל אירע יונגע באגערן.

ס׳האט אים געצויגן צום טאטנס טיש, דאס שייבן שענקל מיט ספרים א.אז.וו. איין געדאנק נאר האט געלויכטן זיין לעבן: ער לעבט דאך, פארוואס זאל ער נישט זיין דער בראשית פון א נייעם דור פון די יעלינס.“

הגם די דערציילונג אזוי ווי די ערשטע איז פול מיט ווייטאג, פילט זיך אבער אין דער שילדערונג שטארק דער משפחה מאטיוו, וואס איז באהויכט מיט א צארטן, אידילישן, יידישן טאן. די שילדערונג איז דורכגעפלאכטן מיטן ליריש ראמאנטישן גייסט, וואס האט זיך געוועבט אין די יידישע שטעט און שטעטלעך פאר דורות לאנג.

אין די רעאליסטישע דערציילונג „אויף צוויי שליאכן“, שפיגלט זיך אפ די טראגעדיע פון צוויי יונגע מענטשן, א מאן און א פרוי, וועלכע האבן זיך באקאנט אין א באן אויפן וועג צוריק פון א ווייטן לאנד, וועלכע האבן זיך מיט אונרואיקייט נעאיילט צו זייערע שטעטלעך צו זייער היים, וואו זיי זיינען געבוירן און דערצויגן געווארן. עס איז א גרויסער ווי געשריי פון צוויי יונגע צעריסענע נשמות, וועלכע שוועבן צווישן האפענונג און צווייפל. זיי ווערן שטארק נידערשלאגן, ווען זיי געפינען זייערע אמאליקע באליבטע שטעטלעך ריין פון יידן. די שילדערונג ענדיקט זיך אזוי ווי די אנדערע מיט א נייעם אנהייב“. אין די דערציילונג מערקט זיך שטארק דער רעאליסטישער עלעמענט. דער סיפור המעשה וועבט זיך ארין בחפזונדיק עפיזאדיש. צייטנווייז רייסן זיך אפילו מיט די ליינער, וועלכע באציען זיך א ביסל סקעפטיש צו זיינע אויספיר פונקטן.

די לעצטע טיילן פון בוך ענטהאלטן בילדער און זכרונות פון פאמע רירנדיקסטע, סובטעלע, כאראקטעריזירונגען, באהויכט מיט פאעטישע שטריכן זיינען די לעצטע ווערטער אין די קורצע שילדערונגען: „פרילינג און א מיידל

מיט א האריץ". וועלכע דער מחבר פונם בוך האט דערבליקט אינדערמיט פון א געביידע, וואס איז געווען הוילע לעבער, ווי א זיפ, וועלכע קוקן זיך איבער מיט א גאנצע גאס ווייסע פלעקן פון צעפיצלטע צעשאטענע געביידעס. איז געשטאנען א פיגור אויף א שמאלן פיערעסטאל, א מיידל מיט א הארף אין דער האנט, גרייט צו שפילן. מיט איראניע רופט דער מחבר אויס, אנו, שפיל אויס דעם חורבן אונטער וועלכן דו געפינסט זיך, דו, מיידל מיט דער הארף".

דאס בוך איז געשריבן אין א קרעפטיקן יידיש און לייענט זיך געשמאק. הגם עס פעלט אין די דערציילונגען דער הילכיקער ווידערקול פון אונזער תקופה. דאך איז דאס בוך א גרויסע דערגרייכונג. דער רעאליזם אין דער יידישער ליטעראטור, האט מיט דעם בוך באקומען א ברייטערן האריזאנט. ס'מוז אבער געזאגט ווערן, אז נישט אלע דערציילונגען זיינען פון גלייכן ווערט, סיי אין פסיכאלאגישן סיי אין קינסטלערישן פארנעם.

דער מחבר פונם בוך „א דור פון בראשית" ש. בערלינסקי, איז ניט קיין פנים חדשות אין דער יידישער ליטעראטור. ער האט שוין ארויסגעגעבן עטלעכע ביכער, וועלכע האבן געהאט א גרויסן אפקלאנג אין דער יידישער וועלט.

דאס בוך זיינס „א דור פון בראשית", איז א נייער אנהויב אצינד אויף זיין בראשית־וועג.

## נומער 99

אייגנטלעך בין איך יעצט אין דער גליקלעכסטער לאגע, וואס איך האלט ביים נומער 99. גראף פאטאצקי, וועלכער האט געהאט געירשנט 100 דערפער, האט ער ערשט געמוזט פארקויפן איין דארף, בכדי ער זאל קאנען בלייבן ביים דעם קליינגעדיקן ציפער 99. און איך האב ממש גאר נישט צו טון, — א פינגער אין קאלטן וואסער נישט אריינצושטעקן! — און חסל! און באסטא!!

און באמת, טאקע ווער ברויך נאך א יידישן זשורנאל (א חוץ צו קלייבן מיט אים געלד). אין קומענדיקן חודש, ווען מיר וועלן שוין האבן אן אייגענע מדינה אויף העברעאיש אין ארץ ישראל, און א וועלט קולטור קאנגרעס, א יידישן, אין אמעריקע, מיט א מיליאן־פאנד־דאלארן.

אבער צוריק געשמועסט: ווער האט געברויכט א יידישן זשורנאל, מיט אכט יאר צוריק, א יאר 1940, דעמאלט, ווען ס'איז ארויס דאס ערשט העפטל? די שרייבערס האבן דעמאלט נאך נישט געשריבן און די לייענער נאך נישט געליינט... עס איז נאך געווען פאר שמיי־דריי־בראשית! און אריינקומענדיק דעמאלט אין א יידישער בוכהאנדלונג אויפן אפענעם ווייטשעפל, אז מ'זאל אפנעמען א פאר עקזעמפלארן צום פארקויף, האט מיך דער מוכר־ספרים'ניק אנגעקוקט ווי א נישט־דא־געדאכט, וועלכן מען מוז צוריק אריינשיקן אין זיין דו ארייץ.



און ער איז אויך געווען כשר גערעכט! ווארים, באמת, וואסער ראבאט קאן אים שוין אראפפאלן פון אזא נאקעט און מאגער העפטל נישט געבונדן אין לעדער און זילבער געליישט, און צומאל אן א גאלדשניט... עס וועט דאך אים דאס גאנצע ווייסטאווע פענסטער טריפה מאכן! צווישן די „לשון קודש־דיקע ספרי־דומל און משיח־ראביי־ענגליש וועט עס דאך ממש אויסזען ווי א צוגעקלעפטע געלע לאטע!....

האב איך מיך מטריח געווען און מיך אוועקגעשטעלט פאר די טירן פון פארזאמלונגען און געקוקט די „ענגאליש־ספיקערס" אין זייערע אראפגעלאזטע אויגן אריין און מיר געטראכט: איר וועט שוין ביי מיר דא שווארץ ווערן ווי די ערד, און האבן א יידישן זשורנאל דא ביי אייך אין דער מדינה, דא אינם שוישן הבירה פונם גאנצן מלכות ענגלאנד.

די 400 עקזעמפלארן האבן זיך לייכט פארקויפט. דער עיקר פון די הערער ביי די „יידיש ליטעראדישע שבת נאכמיטאגס" — באמת א סך האבן די פאעזיע נישט פארשטאנען, אבער זיי האבן פאר שטאנען פון מיינע רעדעס און דרשות, די וויכטיקייט פון א יידישן זשורנאל אין א יידישן ישוב. עלעהיי זיי האבן פארשטאנען, די וויכטיקייט פון „שיר המעלות'לעך" אויף די ווענט ביי א יולדת! און זיי האבן מיר א קיינגעטראגן די פאר פענעס פאר דעם העפטל מיט פרייד אין זייערע אויגן, ממש ווי ביי א ניי געבוירנס, — ביי יעדן העפטל!

יעצט האט דער זשורנאל שוין א פאר הונדערט אבאנענטן. און די ביכ־האנדלונגען פרעגן זיך שוין נאך אויף די „סחורה". און מ'שיקט נאך איר שטאפעטן ווען דער זשורנאל פארשפעטיקט זיך מיט א טאג צוויי.

באמת, ווען איך וואלט געווען א גראף פאטאצקי, אדער לכל הפחות געהאט א פעטטן אמעריקאנישן סטיפענדיום! — וואלט איך מיר געקאנט בלייבן ביי מיינע 99 העפטלעך און — באסטא! און חסל!! איך האב מיר מיינס אפגעטון און — פארטיק! א יידישער זשורנאל וועט שוין יעצט דא אן מיר אויך שוין דערשיינען — עס איז שוין דא א נאכפראגע נאך די דאזיקע סחורה! עס איז שוין דא א „מארק" דערפאר — א יאריד!! און שרייבער שרייבן, און זייערע געזאמלטע ווערק גייען שוין ארויס, עס איז שוין ליהודים! אפילו די וואס האבן שוין געבראקעט אויף יידיש, פרייען זיך אויך שוין צו זען זייערע „פיקטשערס" אין א יידישן זשורנאל... זאלן זיי נאר שרייבן גוטע לידער, וועלן זיי זיך אויך פרייען צו זען זייערע לידער געדרוקט אין יידיש... אלענפאלס איז עס מער כבוד ווי זיך ארומשלעפן מיט „גנניאלע" לידלעך צו איבערזעצערס..

עס וועט שוין א זשורנאל זיין דא אין אונזער ישוב, נישט נאר האבן מיר געהאט דעם כוח אויפצושטעלן א זשורנאל „לשון און לעבן" מיט א רעדאקציע און אן אדמיניסטראציע נאר — אפילו א קאנקורענץ! דאס איז שוין דער בעסטער סימפטאם פון עקזיסטענץ, והא ראיה ווי גוט עס גראמט זיך!

אָ, וואָלט איך געווען גראַף פּאָטאָצקי, וואָלט איך אַליין אויפגעשטעלט א געזונטע קאָנקורענץ, און ס'וואָלט געגאַנגען אַ מסחר אויף וואָס די וועלט שטייט — עס וואָלט געברענט פון אונטער די הענט! — אָבער אַזוי ווי אַלץ ביי אונז דאָ איז אַזאַ משטיינסגעזאָגט און עצעטרא וכו'....

נו, אַזוי ווי מ'איז טאַקע נישט קיין גראַף פּאָטאָצקי ווען מיר טאַקע פאַרקאַטשן די אַרבל—קאַטשע היינט קאַטשע מאָרגן, אַז די הענט הויבן זיך שוין באַלד נישט — און זיך נעמען צו צוגרייטן דעם 100־טן נומער פון „לשון און לעבן", צו די פרייד פון אונזערע פריינט — אויף צופּיקעניש פאַר אונזערע „שונאים איז אַפּנים דער נומער 99 אויך שוין גענוג..... נו, מילא, אַז קנאת סופרים איז תרבה חכמה". האָבן מיר דאָך קיין אַנדערע עצה נישט ווי צו זען, אַז מ'זאָל זיך וואָס מער אין אונז מתקנא זיין און וואָלט נאָר געווען מער כוח, אָדער וואָלט נישט דאָס ביסעלע, וואָס איז יאָ דאָ, נישט צעריסן און צעשפּליטערט געוואָרן, וואָלט איך מיך באמת געפילט אַ גראַף פּאָטאָצקי.

ש.

## יובל פייערונג צום 70 געבוירן-טאָג פון ש. ל. קרעדיטאָר

דער גוט באַקאַנטער יידישער שרייבער רעדאַקטאָר ש. ל. קרעדיטאָר איז איצט אַלט געוואָרן 70 יאָר. לכבוד אים האָט דער יידישער שרייבער פאַריין פאַראַנשטאַלטעט אַ יובל פייערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען פאַרגאַנגענעם חודש.

„לשון און לעבן", — אין וועלכן דער בעל יובל, האָט נאָך אַ לאַנגן איבעריים ווידער אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע פיינע דערציילונגען, — שליסט זיך אָן אין דער פייערונג און ווינטשט ש. ל. קרעדיטאָרן אַ סך גוטע יאָרן און אַ סך שעפערישע, ליטעראַרישע אַרבעט.

ס'טוט מיר זייער לייד, וואָס איך פּערזענלעך האָב זיך נישט געקענט באַטייליקן אין דער שמחה, ווייל גראָד אין דער צייט האָבן די קינדער פון בעלגיע, וועלכע מ'האָט אַהער געבראַכט אויף ערהאָלונג אויפגעפירט אַן אינסצענירונג פון שלום עליכם'ס „מעסערל". און געזונגען און רעציטירט יידישע לידער.

## די קינדער פון בעלגיע

דער יידישער קאָמיטעט פאַר הילף קיין אויסלאַנד, וועלכער האָט פאַר אַ יאָרן אַהער געבראַכט די יידיש סאָציאַליסטישע קינדער, וועלכע האָבן מיט זייער אויפפירונג געמאַכט אַ גרויסן רושם, האָבן איצט אַהער געבראַכט די בעלגישע קינדער, וועלכע האָבן מיט זייער אויפפירונג אַרויסגערופן נישט קיין קלענערע באַגייסטערונג. פאַר דעם מאַנטאַזש-ליד, אָנגעהויבן פון רייזל זשיכלינסקי'ס „געטאָ-ליד" און פאַרענדיקט מיט פּרץ'ס „טרייסט מיין פאָלק", קומט די דערציער אַ גרויסן יישר כוח פאַר זייער איינפאַל. וואָס נאָך דער גרויסער מיסטישער טראַגיקייט, האָבן זיי געזוכט טרייסט ביי אונזער גרויסן פּרץ. און „יגעתי ומצאתי תאמין" — מ'מוז נאָר האָבן אמונה!



דער סטאַר פונם „מעסערל", דאָס קליינע יתומ'ל פון בעלגיען, וואָס האָט ממש באַוויזן וואונדער אין דעם אַנסאַמבל צוזאַמענשפּיל פון די צוועלף קינדער, וועט אונז בלייבן לאַנג אין זכרון. מיר דריקן אויס אונזער אָנערקענונג צו פריינט פּאַראַלסקי, עלשטיין, זיסמאַן, קויפמאַן, קלאַק א.א. פאַר זייער גוטער אַרבעט. זייער אַרבעט איז נישט נאָר פאַר די קינדער וואָס וועלן זיך דאָ דערהאָלן, נאָר אויך פאַר אונז דערוואַקסענע אין לאַנדאָן.

## וועגן דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין דעצעמבער 1947 איז געוואָרן אָפּגעלייגט פאַר אַ פּאָר חדשים, כדי צו געבן אַ געלעגנהייט אַלע יידישע ישובים צו זיין גוט צוגעגרייט. דאָס גרויסע צוזאַמענטרעפן וועט ווערן אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק אין פּענסילווייניא האָטעל פונם 27־טן ביז צום 31-טן מאי 1948.

אינם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט געפינען זיך באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פונם יידישן קולטור־שאַפן, ווי ש. ניגער, ה. לייוויק, פּ. שוואַרץ און מ. בראַון.

נאָכדעם ווי מיר האָבן באַקומען די ערשטע איינלאַדונגען האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ פּלענאַר־זיצונג, אויף וועלכער עס איז געוואָרן אויסגעדריקט דאָס באַדויערן, וואָס דער דאָזיקער קאָנגרעס קומט פאָר אין אַזאַ ווייטן מרחק ווי ניו־יאָרק, און אַז דאָרט וועלן נישט זיין פאַרטרעטן געוויסע יידישע ישובים פון דער וועלט, וועלכע האָבן אַ גרויסן חלק אינם גרויסן שאַפן פון יידישער ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט וכו'. דאָך האָבן מיר באַגריסט אַז, אַזאַ מין גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון יידישע שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער וועט פאָרקומען און באַשלאָסן צו נעמען אַנטייל אינם אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס פון ניו-יאָרק.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ קענען מיר נישט מודיע זיין אַלע איינצלהייטן פונם פּראָגראַם אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר. נאָך דעם גרויסן חורבן פון די לעבעדיקסטע און קולטור־שאַפנדיקסטע יידישע ישובים אין אייראָפּע, איז דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַראינטערעסירט און באַשטרעבט, אַז דער קולטור קאָנגרעס זאָל העלפן פאַרוואַנדלען יידישע קולטור אומעטום, וווּ עס לעבן יידן, און שאַפן אַן אַלוועלטלעכע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע."

ביז צום קאָנגרעס האָט זיך דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, געשטעלט די אויפגאַבע אַרויסצוגעבן זייער וויכטיקע ווערק לויט דער פאָלגענדיקער סעריע:

1. צוויי דאָקומענטן־ביכער, איינעם „וועגן די יידן אין פּוילן" און אַ צווייטן „וועגן די יידן אין פראַנקרייך" (אויפן יסוד פון מאַטעריאַלן פון היסטאָרישע קאָמיסיעס).

2. אַ בוך „געטאָ-לידער" צוזאַמענגעשטעלט פון קאַטשערגינסקי. דאָס

בוך וועט הייסן „דאָס פאָלק זינגט אייביק".

3. אַ בוך לידער פון דעם קדוש־דיכטער ישׂראל שטערן.

3. דאָס אַרויסגעבן פון אַ יאָר־בוך פון נייע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור.

5. אַרויסגעבן דובנאָווס געשיכטע. איין באַנד זאָל דערשײַנען נאָך פאַרן קאָנגרעס.

שבת דעם 13־טן מערץ האָבן מיר אינם ראַמען פון אונדזערע יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס אָפּגעהאַלטן אַ סימפּאָזיום, וואָס האָט אַלזייטיק באַהאַנדלט די פראַגע פונם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. חוץ אונדזערע פאַרטרעטער, וואָס האָבן אויסגעדריקט אונדזער קלאָרע און אָפענע שטעלונג צו דעם גרויסן צוזאַמענפאָר, האָבן די געסט־רעדנער, ווי ח. פינעס פון „ייוואָ", ח' אַלעק וואַטערמאַן, אַ באַוואוסטער לינקער אַרבעטער־טוער און ח' נתן גוטער פון יידיש־סאָציאַליסטישער פאַראייניקונג אין ענגלאַנד, אויסגעדריקט זייער באַוויערן, וואָס דער דאָזיקער געפּלאַנטער קאָנגרעס וועט נישט רעפּרעזענטירן אַלע גרויסע יידישע ישובים און יידישע קולטור־צענטערן אין דער וועלט. זיי האָפן און ווינטשן, אַז די טרחה פון צוזאַמענרופן אַזאַ מין קאָנגרעס זאָל נישט זיין לאבוד און זאָל זיין געקרוינט מיט דעם גהעריקן דערפאָלג לטובת דעם יידישן קולטור־שאַפן און דער גאַנצער וועלט. זיי באַגריסן עס, וואָס אונדזער אָרימער יידיש־קולטור־שאַפנדיקער ישוב וועט דאָרט זיין פאַרטרעטן.

אַנהייב מערץ האָבן מיר דאָ באַקומען צוגעשיקט פון אַמעריקע די מאַנדאַטן־קאַרטע צום קומענדיקן קאָנגרעס. מיר האָבן די זעליבקע באַלד צוריקגעשיקט מיט די אָפיציעלע נאָמינאַציעס:

א. נ. שטענצל פון „לשון און לעבן".

משה עובד פון „פריינט פון יידיש לשון".

„לשון און לעבן" איז פינאַנציעל נישט בכח אויסצושטאַפירן זיין חשובן דעלעגאַט צום קומענדיקן קאָנגרעס. דאָס סעקרעטאַריאַט שעמט זיך נישט די דאָזיקע ידיעה צו ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט. אונדזערע אָנשטרענגונגען, מאָראַלישע און מאַטעריעלע קרבנות אָנצוהאַלטן דעם דאָזיקן זשורנאַל זיינען אַזעלכע געוואַלטיקע, אַז עס פעלן אונדז די מאַטעריעלע מיטלען צו אַנדערע וויכטיקע נישט פאַראויסגעזעענע גרויסע קולטור־אַקציעס.

מיר האָפן, אַז אונדזערע חברים און פריינט, וועלכע האַלטן, אַז עס איז וויכטיק, אַז דער פאַרטרעטער פון „לשון און לעבן" זאָל זיין אויפן קאָנגרעס, וועלן זיך אָנשטרענגען דאָס אַדורכצופירן.

לאָמיר מאַכן אַ גוטן אָנהייב.

סעקרעטאַריאַט פון „פריינט פון יידיש לשון"
און „לשון און לעבן".

64. לאַאוריסטאָן רויד, לאָנדאָן, א.9.



# יחזקאל נח ערליכמאַן

## חסידישער פאָלקלאָר

ערשטע סעריע: די אַלטע קאָצקער

### 4. „כ'וויל נאָך נישט"

נאָך דער פּטירה פון קאָצקער רבי'ן (תרי"ט) האָבן ס'רוב חסידים גענומען פאָרן צום בעל חידושי הרי"ם קיין גור; און נאָך זיין פּטירה, זענען זיי געפאָרן קיין אַלעקסאַנדער צו ר' חנוך העניך הכהן זצ"ל. נאָר נאָך זיין פּטירה (תר"ל) איז אַ גרויסער עולם געפאָרן קיין גור צום בעל שׂפת אמת ז"ל און אַ טייל איז געפאָרן צו ר' אברהמ'לי ז"ל קיין סאָכאַטשעוו (דער בעל מחבר פון „אגלי טל").

און אַזוי ווי בײַדע סאָרטן חסידים האָבן געוואוינט ווייטער צוזאַמען אין דעם אייגענעם שטיבל, איז טיילמאָל פאָרגעקומען רייבונגען און טשעפּעניש. יעדער צד האָט געוואָלט באַווייזן, אַז זיין רבי שטייט אויף אַ העכערער מדרגה....

מיט יחוס זענען זיי אַדורכגעקומען: דער גערער רבי איז געווען אַן אייניקל פון חידושי הרי"ם ז"ל און דער סאָכאַטשעווער איז דאָך געווען דער איידים פון קאָצקער ז"ל.

— וואָס מאַכט עטץ ענק אַזוי גרוים מיט ענקער רבי'ן, ווייל ער קאָן לערנען?! אודאי! ער האָט געוואָלט לערנען, קאָן ער. אַז איך וועל וועלן, וועל איך אויך קאָנען!....

די סאָכאַטשעווער זענען געוואָרן בייז, פלאַם־פייער.

— ס'טייטש, דו האָסט די חוצפּה צו זאָגן, אַז דו וועסט קאָנען ווי דער סאָכאַטשעווער?

זיי האָבן זיך געוואָלט וואַרפן אויף אים און שלאָגן. ער האָט זיי באַלד באַרואיקט און געזאָגט צו זיי:

— איך זאָג דאָך נישט, אַז איך קאָן אַזוי ווי ער. איך זאָג נאָר, אַז איך זאָל וועלן, וועל איך קאָנען. אָבער דערווייל וויל איך דאָך נאָך נישט!...

## קולטור ידיעות פון דאָ

עס איז דערשינען אַ בוך עסייען: „אויף יידישע יסודות" פון יעקב שמואל טויבש.

* * *

דער אגודה שרייבער, דער רעדאַקטאָר פון „בשער" יחיאל גראַנאַנשטיין איז אויפגענומען געוואָרן ביי אַ גלעזלטיי פון פריינט פון יידיש לשון.

דער יונגער פּאָעט י. ראַגעל אויף זיין רייזע פון רומעניע נאָך קאַנאַדע האָט געוויילט דאָ אין לאָנדאָן צוזאַמען מיט זיין פרוי. פריינט פון יידיש לשון האָט זיי אויפגענומען ביי אַ גלעזל־טיי.

* * *

צו דער גרענד־פּאַליין חברים־טרופּע איז צוגעקומען דער אַקטיאָר הערמאַן שערצער.

אין אַלעקסאַנדער טעאַטער שפּילט דעם חודש דער באַוואוסטער אַקטיאָר לעאָ פוקס מיט זיין פּאַרטנערין רבקה־לע ריטשמאַן.

• • •

די באַקאַנטע אַקטריסע ניוסאַ נאַלד וועט אויפטרעטן דאַ אין לאָנדאָן אויף איניקע וואָרט קאָנצערטן היינטיקן חודש.

* *

אין אַרבעטער רינג איז געמאַכט געוואָרן אַ באַנקעט לכבוד די באַקאַנטע אַקטריסע און רעזשיסאָרין אידאַ קאַמינסקאַ, פאַר איר אָפּפאָרן פון לאָנדאָן.

* *

זונטיק, דעם 11־טן אַפּריל וועט אין אַרבעטער־רינג איינגעאָרדענט פון אַלע קולטור אָרגאַניזאַציעס אַ טרויער פאַרזאַמלונג נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם שלמה מענדעלסאָן, דער גרינדער פון ציש"א־שולן.

• • •

דעם 11־טן אַפּריל וועט פּראָפעסאָר בראָדעצקי עפענען אין „בן־אורי", 14 פּאַרטמען סטריט, וו.1. די פרילינג־אויסשטעלונג פון מאָדערנער יידישער קונסט.

* *

אין 12־טן אַפּריל וועט דער באַקאַנטער אַרבעטער און קולטור־טוער א. ר. ראָלין האַלטן אַ פּאָרטראַג אין יידישן היסטאָרישן פאַראיין אין ענגלאַנד: „יידישער באַטראַג צו ענגלישער טעקסטיל־אינדוסטרי".

* *

דער שרייבער יעקב האָדעס האָט געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטן פּאָרטראַג ביים זשורנאַליסטן און שרייבער פאַראיין איבער שלום עליכם'ס זיין אין לאָנדאָן.

* *

ל. בעלקין דער ביבליאָטעקאַר פון אַרבעטער־רינג און דער סעקרעטאַר פון דער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע ביים אַרבעטער ־רינג איז אָפּגעפאָרן אויף אַ באַזוך נאָך זיד־אַפריקע.

* *

דער באַקאַנטער אַרבעטער טוער סעם דרין, דער פאָרזיצער פון אַרבעטער רינג איז אָפּגעפאָרן אויף אַ באַזוך נאָך נאָרד אַמעריקע.

* *

## תיקון טעות

אין פעברואַר נומער פון „לשון און לעבן" איז אין דעם אַרטיקל פון אַלוואַ אַריינגעפאַלן אַ טעות — אַנשטאָט קאָנגרואיטעט, דאַרף זיך לייענען אינקאָנגרואיטעט.

* * *

דער דיכטער מ. חסיד פון שוועדן איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום יידישן קולטור־קאָנגרעס. און ער פאָרט אין גיכן אָפּ, איבער לאָנדאָן, קיין אַמעריקע. ער וועט ביי די ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס אָפּגעבן אַ גרוס פונעם יידישן קולטור־לעבן אין שוועדן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1 — 3 אַ זייגער

שבת, דעם 3־טן אַפּריל וועט מ. מינדל האַלטן אַ פּאָרטראַג.
שבת, דעם 10־טן שלמה אויערבאַך. איבער פּרץ'עם דערציילונגען אין העברעאיש.
שבת, דעם 17 געדענק טאָג פון „אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ".
שבת, דעם 24־טן די טראַדיציאָנעלע פּרץ און פסח פייערונג.



---

## פריינט פון יידיש לשון

## געדענק־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד

אין אַרבעטער רינג, עלי סטריט, 8 אַזייגער, דעם 19־טן אַפּריל
מיט רעדעס וועלן זיך באַטייליקן:—

**משה עובד**: אַ טאָג פון נאַציאָנאַלן חשבון הנפש.

**י. ביעטש**: דאָס פאַרטיליקט פּוילישע יודנטום.

**אליהו פּאַלושאַק**: דער דריטער חורבן.

**אייזיק גאָלדבערג** און **נעט רובין** וועלן רעציטירן

פאָרזיצער: **א. נ. שטענצל.**

אייַנטריט פריי. * * * קומט אין מאַסן!

---

די סוף־חודש זונטיקס פון „פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי" זונטיק 26 אַפּריל 1948 8 אָוונט

אין לאָקאַל פון

**„בן־אורי" קונסט גאַלעריע**

14 פּאָרטמען סטריט וו.1.

**אַ דריטער סדר**

עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס:
שוישפילערין דאָראַ דימאַנט, אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין און משה עובד
אַריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל

אייַנטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן

---

פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט
פון דעם
**אַרבעטער־רינג**
22, עלי סטריט, אָלדגייט, א.1.

יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע

**רעפעראַטן לעקציעס**

איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים

וועגן אַלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן צום גענעראַל־סעקרעטאַר:

**ווער אַ מיטגליד פון אַרבעטער רינג**

---

## געזוכט קרובים

איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואָגער יודעל און קינדער, גאָלדין, זיי האָבן געוואוינט אין וואָלקאָוויסק, ליטע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געהערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען געווען בעקערס. ווער עס ווייסט פון זיי אָדער זיי אַליין זאָלן זיך מעלדן צו:
Mr. N. Levenson, 6. St. Mary's Road, Leeds.

---

**דער**
**פּלאַץ**
**איז**
**רעזערווירט**
**פאַר**
**י. ביעטש.**

שיקט באַגריסונגען צום 100'טן יובל נומער!

„לשון און לעבן" —::— פאַרן מאַי נומער

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels
26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

„אין זכות פון די טעג" 3/6
„אין חדר אריין" 5/-
פון
משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפנטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

ניינטער יאָרגאַנג נו. 5 | העפט 100 | מאַי 1948 לאָנדאָן

## הונדערטסטער

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### יובילעאום

### אינהאַלט

ירושלים עיר הקודש, ארץ ישראל ערד, זעקס מיליאָן . . . ** 1
צום פּראָבלעמען . . . ד"ר יעקב י. מײטלים 5
אַ ברודער (באַלאַדע) . . . חוה ראָזענפאַרב 11
די ברידער פלאָסקי (דערציילונג) . . . ביטרים בעקערמאַן 13
פרילינג אין עסטרייך (ליד) . . . יצחק ווינער 20
דער ערשטער טריט, אויפן הייליקן אַרט (לידער) . . . א. ר. סען 21
צוויי טויבן און פרילינג (לידער) . . . ש. זאַלקין 22
צו דער פרילינג אויסשטעלונג אין „בן־אורי" . . . ש. 23
דער פידל־שפּילער (בילד) . . . מאַנע קאַץ 23
רצון (סקולפּטור) . . . משה עובד 25
דער פּאָרטרעט פון דער דאַמע שאַגאַל . . . ש. טענענבוים 26
ווייב און טאָכטער (בילד) . . . מאַרק שאַגאַל 27
דער דענקמאָל (פּאָעמע) . . . ש. גאַנשאָר 28
חתן איר זענט מכובד מיט מפטיר . . . י. נ. ערליכמאַן 29
ברויט!... (לאַגער עפּיזאָד) . . . שב"נ גלאַס 32
מענדעלע און פּרץ (עסיי) . . . לע"ז קעניג 34
מלאכה בזויה (רעצענזיע) . . . מ. ווילענסקי 36
יידיש בעלעטריסטיש בוך אין ארץ ישראל . . . ש. ערנסט 39
נאַציאָנאַלע יוגנט . . . א. מ. פוקס 42
„דער ניינצענטער אַפּריל" . . . יוסף פרענקל 47
די הענט פון שמשון זענען לאַנג . . . דוב וואַרשאַווסקי 50
אַזאַ יידיש טעאַטער (רעצענזיע) . . . ש. י. האַרענדאָרף 53
די פייערונג פון „לשון און לעבן" . . . י. ביעטש 59
דאָס זייגערל (ליד) . . . משה עובד 60
האָב איך מיר אַ מיכאַלקע . . . אליהו פּאַלושאַק 62
באַגריסונגען פון שרייבער, אינסטיטוציעס און לייענער . . . 66
דעם רעדאַקטאָרס ווינקל... . . . 85
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס . . . 88

נומער

פּרייז 1/6